בסיעתא דשמיא

גליון פרדס התורה

חג הסוכות - א'

תשפ"ז

אידיש

נתנדב לזכות הרבים

# א קוואל' פון חיזוק



סוכות • שמחת בית השואבה • בדרכי רבותינו

הילולא רצדיקיא • מעין הידיעות

# אינעם גליון:


3 נפתח היו"ט

10 ולקחתם לכם

17 שמחת בית השואבה

20 סוכות אין טבריא של מעלה

25 בדרכי רבותינו

29 הילולא דצדיקיא

32 מעין הידיעות


פרנס הגליון

נתנדב לז"נ

הרה"ק רבינו **יואל**

בן הרה"ק רבינו **חנני' יו"ט**

**ליפא** זצוקללה"ה מסאטמאר

ע"י **הרוצה בעילום שמו** הי"ו

ולזכות ברכה והצלחה בכל ענינים


## י"ל ע"י מערכת 'פרדס התורה' לכתיבת ועריכת שיעורי מורינו הרב שליט"א

◆ ◆ ◆

הגליון יצא לאור בהסכמת גדולי ישראל בארץ הקודש, דייני העדה החרדית, וגדולי רבני ארה"ב

(ההסכמות במילואם נמצא בספר 'טבריא של מעלה' שיצא לאור ע"י מורינו הרב שליט"א)

◆ ◆ ◆

די גליונות קען מען באקומען ביי די פאלגענדיגע לאקאלן:

**בארא פארק**

ביהמ"ד שומרי שבת

5302 13 Ave.

ביהמ"ד עדת יראים וויען

1350 50 St.

ביהמ"ד הדרת קודש סוואליווע

4801 15 Ave.

**וויליאמסבורג**

בנין בראך למטה לאקער #405

Bedford Cor. Park

כתר רזשודעיקא

801 Bedford Ave.

מאורות

218 Wallabout St.

**מאנסי**

ביהמ"ד וויעהיל

101 W Maple Ave.

שיינער'ס שול

18 Forshay Rd.

**קרית יואל**

כתר רזשודעיקא

97 Acres Rd.

**לעיקוואד**

כתר רזשודעיקא

12 America Ave.

ביהמ"ד סאטמאר

405 Forest Ave.

ביהמ"ד צאנז קלויזענבורג

25 Havens Ave.

ביהמ"ד בעלזא

44 Grove Springs Ct.

טאמס ריווער

ביהמ"ד קהל בני יששכר

1767 Whitesville Rd.

**פלטבוש**

MB VINEYARD

3012 AVE J

◆ ◆ ◆



©



להצטרפות קבלת שיעורי מורינו הרב שליט"א והגליונות באימייל, ניתן לפנות:

shiurimlishmo@gmail.com

להצטרפות קבלת הגליונות לבד באימייל, ניתן לפנות:

pardesgilyones@gmail.com

שיעורי
הרה"ג רבי יששכר יהודה
בערקוי שליט"א
אב"ד פרדס התורה
מח"ס שו"ת יהודה מחוקקי

# פרדס התורה

יו"ט סוכות - א'
תשפ"ז
גליון 47

זכות פטרון השנה נתנדב לעילוי נשמת
אלטע פערל רויזא בת הרה"ח ר' חיים משה ע"ה
נפטרה ו' ניסן תשפ"ו אחר קבלת יסורים באהבה ובאמונה ובטחון,
והיתה למופת לזה לכל משפחתה ומכיריה • ת.נ.צ.ב.ה.

אידיש

## בפתח היו"ט

# דער סוד פון שמחה: אפילו דו האסט נאָר 'געוואלט' זיין גוט

## דער געוואלדיגער כח פון שאיפות און רצונות - חלק א'

### די שמחה פון סוכות אויף א גאנץ יאר

"זמן שמחתנו".

מיר גייען יעצט אריין אין א יו"ט וואס די תורה הקדושה זאגט אונז אז דאס איז א זמן וואס מיר שעפן זיך אָן מיט שמחה. ווי דער הייליגער **טריסקער מגיד** זי"ע ברענגט נאך פון זיין טאטן, דער **טשערנאבלער מגיד** זי"ע, אז דאס וואס מיר זאגן "זמן שמחתנו". איז מלשון "זימן" - ד. מ. אז **מען גרייט יעצט אָן שמחה אויף א גאנץ יאר**.

ער לייגט צו אז סוכות האט א "כח להמתיק הדינים מעל כל ישראל, ולהמשיך עליהם שמחה וחדוה ואורה על כל השנה". דאס טייטש, נישט נאָר גרייט דער יו"ט סוכות אן פרייליכקייט פאר א גאנץ יאר, נאָר **עס גרייט אויך אָן דעם אלע שפע פארן גאנצן יאר**.

### דאס מבטל זיין די צ"ח קללות

אין פסוק שטייט (ויקרא כג, מא) "וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַה', שִׁבְעַת יָמִים בַּשָּׁנָה". מען דארף פראווען דעם יו"ט סוכות זיבן טעג "בשנה" - אין דעם יאר. פרעגט דער הייליגער **'שם משמואל'** זי"ע (שנת תרע"ח), וואס איז אזוי באזונדער ביי יו"ט סוכות אז די תורה זאגט דאסווארט "בשנה"? **וואס האט יו"ט סוכות צוטון מיט די גאנצע יאר?** עס זענען דאך דא דריי רגלים: פסח, שבועות און סוכות; וואס איז סוכות מער פון פסח און שבועות, אז דוקא ביי אים שטייט אז ער האט צוטון מיט די גאנצע יאר?

זאגט דער הייליגער שם משמואל. **רש"י** אין פרשת פינחס (במדבר כט, יח) ברענגט אראפ דעם **מדרש** אז יו"ט סוכות איז מען מקריב צ"ח (98) כבשים. דאס איז כדי מבטל צו זיין די צ"ח קללות וואס שטייען אין משנה תורה (פרשת כי תבוא). די זעלבע זאך זאגט מען אין דעם פיוט פונעם צווייטן טאג סוכות: "רְצִיתִי שִׂיִּם שמונה ותשעים, כליה בם תוכחות שמונה ותשעים". דאס טייטש: "איך האב מרצה געווען דעם רבוש"ע כביכול מיט די צ"ח לעמעלעך, און מיט דעם האב איך מבטל געווען די צ"ח קללות".

פרעגט דער הייליגער **'אבני נזר'** זי"ע, **וואס איז פשט אז דוקא די צ"ח כבשים זענען מבטל די צ"ח קללות?**

זאגט דער אבני נזר א מורא'דיגן יסוד. מיר ווייסן אז אין די תוכחה אין פרשת כי תבוא שטייען אלערליי נישט גוטע זאכן וואס זענען געשען צו כלל ישראל. די שאלה איז נאָר, וואס איז די סיבה דערצו? יעדער ווייסט דאך דעם כלל "אין יסורים בלא חטא ואין יסורים בלא עוון". אזוי ווי דער הייליגער רבי חנינא בן דוסא האט געזאגט (ברכות לג, א) "אין ערוד ממית אלא החטא ממית". אין אנדערע ווערטער, אלע נישט גוטע זאכן פון די תוכחה קומען צוליב עבירות.

### 'שמחה' - דער שליסל צו מבטל זיין די תוכחה

אבער דא שטעלט זיך א קשיא: ווי אזוי קומט עס בכלל אז א אידיש קינד זאל טון אַן עבירה? ווי אזוי קען א מענטש זיך אזוי באנארישן?

בפרט בזמן שבית המקדש היה קיים, ווען מען האט געזען כהנים בעבודתם, לוים בדוכנם וישראל במעמדם, און עס איז געווען א גילוי פון השראת השכינה, און מיר האבן געהאט די הייליגע נביאים און צדיקים. **ווי אזוי איז מען בכלל צוגעקומען צו אזא נארישקייט אז מען זאל טון עבירות?**

זאגט דער הייליגער אבני נזר, די תורה הקדושה גיט אונז דעם שליסל דערצו. דער גאנצער פראבלעם איז געווען ווייל מען האט נישט געדינט דעם אייבערשטן מיט שמחה. אין פסוק שטייט (דברים כח, מז) "תַּחַת אֲשֶׁר לֹא עָבַדְתָּ אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב מֵרֹב כֹּל". זאגט דער הייליגער **אר"י הקדוש**, אז מען דארף דינען דעם אייבערשטן אזוי בשמחה, מער ווי אלע אוצרות.

ד.ה. כל זמן א איד דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה, קען דער רוח שטות פונעם יצר הרע נישט אריינקומען און אים פארדרייען דעם קאפ. דארט וואו עס איז דא שמחה, דארט איז דא השראת השכינה, ווי עס שטייט "עוז וחדוה במקומו". אז א איד איז בשמחה, האט ער שטארקייט און השראת השכינה, ער דינט דעם אייבערשטן און טוט נישט קיין עבירות.

אבער דער יצר הרע קומט און דרייט אן דעם מענטש ער זאל נישט זיין בשמחה, און איינמאל דער מענטש איז נישט בשמחה, קען חלילה שורה זיין חלילה די סטרא אחרא. פון דארט און ווייטער קומט א רוח שטות וואס פארדרייט אים דעם קאפ, און נעבעך טוט ער עבירות, וואס דאס האט גורם געווען די תוכחה. זאגט דער הייליגער אבני נזר, קומט אויס אז **איך האב דא א שליסל צום גאנצן געשעפט, אויב א מענטש וויל דינען דעם אייבערשטן און באקומען אלע גוטע השפעות, זאל ער זען צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה.**

זאגט דער הייליגער אבני נזר, אז יו"ט סוכות, ווען מען דינט דעם אייבערשטן מיט שמחה אין "זמן שמחתנו", דוקא דעמאלטס זענען די צ"ח כבשים מבטל די צ"ח קללות. ווייל ווען מען האט מקריב געווען די צ"ח כבשים מיט אזא שמחה ביי די שמחת בית השואבה - וואס דאס איז אלץ געווען א הכנה צו מקריב זיין דעם קרבן תמיד און מנסך זיין די מים - און מען האט געטון די עבודת הקרבנות מיט אזא געוואלדיגע שמחה, **דעמאלטס האט עס מבטל געווען די צ"ח קללות. ווייל איינמאל מען איז בשמחה, ווערט אויטאמאטיש מבטל די גאנצע תוכחה.**

## שמחת בית השואבה: די שמחה פון א הכנה צו א מצוה

מיר וועלן אביסל מרחיב זיין דעם דיבור.

מיר ווייסן דאך אז אין דעם פינפטן פרק אין מסכת סוכה, פרק החליל, פאנגט זיך אן די משנה מיט שמחת בית השואבה. עס איז דא א גרויסע מחלוקת צווישן רש"י און דעם רמב"ם וואס פונקטליך איז געווען די שמחת בית השואבה, אויף וואס די הייליגע חז"ל זאגן: "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו".

קומט רש"י און ער מסביר וואס די גרויסע שמחה איז געווען. זאגט רש"י: "בית השואבה, כל שמחה זו אינו אלא בשביל ניסוך המים, כדמפרש ושאבתם מים בששון". דאס איז געווען כדי "לחבב את המצוות". "שמחת בית השואבה לכבוד שאיבת ניסוך המים, ומחללים בחלילים ובכנורות".

קומט אויס, אז א גאנצע נאכט האט מען זיך געפרייט אין בית המקדש ווייל מען גייט אינדערפרי מקריב זיין דעם קרבן התמיד, וואס נארמאל איז עס נאר מיט ניסוך היין, אבער יעצט סוכות איז אויך דא ניסוך המים. ד.ה. אז **די גאנצע שמחה איז געווען א 'הכנה' פארן קרבן תמיד**. און מיר אלע ווייסן אז דער קרבן תמיד איז געווען דער ערשטער קרבן, איינמאל מען האט מקריב געווען דעם קרבן תמיד, האט מען שוין געקענט מקריב זיין אלע אנדערע קרבנות.

קומט אויס אז די הקרבת הקרבנות יו"ט סוכות האט זיך אנגעפאנגען מיט דעם קרבן תמיד, וואס האט געהאט א געוואלדיגע הכנה א גאנצע נאכט מיט א געוואלדיגע שמחה. ממילא זענען די צ"ח כבשים וואס מען האט מקריב געווען יו"ט סוכות געקומען מיט א געוואלדיגע שמחה פון שמחת בית השואבה פון די גאנצע נאכט.

## דער גרויסער כח השמחה וואס איז משפיע אויפ'ן גאנצן יאר

יעצט פארשטייט מען פארוואס דאס איז מבטל די צ"ח קללות. זאגט דער הייליגער שם משמואל: לויט דעם וועלן מיר יעצט מסביר זיין די באזונדערע גרויסקייט פון יו"ט סוכות. ער זאגט אזוי: א גאנץ יאר האט מען געטון עבודות, אבער אזוי ווי די עבודות זענען נישט געווען מיט שמחה, האט עס נישט געברענגט די ריכטיגע השפעה. א גאנץ יאר האט מען געטון עבירות, וואס פארשטייט זיך עס האט נישט געברענגט קיין גוטע זאכן, הן ברוחניות והן בגשמיות.

**יעצט קומט דער יו"ט סוכות, און איך האב אזא כח מיט די שמחה אז**

**איך גיי מתקן זיין די גאנצע יאר! ממילא גייען אלע עבודות פון א גאנץ יאר וואס זענען נישט געטון געווארן מיט שמחה, נהפך ווערן צו שמחה, און אזוי ווערן די גאנצע צ"ח קללות פון א גאנץ יאר אויך נהפך ווערן לשמחה.**

זאגט דער שם משמואל, דאס איז דער פשט אין פסוק: "וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לה' שִׁבְעַת יָמִים". **ווען דו וועסט זיין בשמחה דעם יו"ט סוכות, וועסטו זוכה זיין "בַּשָּׁנָה" צו קענען מתקן זיין די גאנצע יאר.** דאס איז דער הפלא'דיגער כוח פון דעם יו"ט סוכות.

### דער גרויסער ענין פון 'הכנה למצוה' - מען גייט 'באַלד' שעפּן וואסער

לאמיר זיך אבער מתבונן זיין א מינוט און אריינטראכטן אין דער געוואלדיגער שמחה פון שמחת בית השואבה. בעצם האט מען געטאנצן א גאנצע נאכט. פארוואס האט מען געטאנצן? דער לשון איז "שמחת בית השואבה", ווייל מען גייט שעפן וואסער. קומט אויס אז מען האט זיך געפרייט אויף א הכנה פון א מצוה.

והלא דבר הוא? מיר ווייסן דאך שטענדיג פון דער געוואלדיגער שמחה של מצוה ווען מען טוט א מצוה, **אבער דא האט מען זיך געפרייט א גאנצע נאכט אויף א הכנה פאר א מצוה - מען גייט 'באַלד' שעפן וואסער.**

זען מען פון דא א געוואלדיגער לימוד, אז **מען דארף זיך פרייען פאר די הכנה אליינס.**

### די באזונדערע הכנה פון סוכות קעגן אנדערע ימים טובים

נאך א יסודיות'דיגע זאך וואס מען דארף זיך מתבונן זיין ווען מיר גרייטן זיך צו צום הייליגן יו"ט סוכות:

מען גרייט זיך צו צום יו"ט אנדערש ווי צו אלע ימים טובים. לאמיר נעמען פאר א דוגמה 'פסח'. מען גרייט זיך אן און מען באקט מצות. מען פאנגט שוין אָן צו שניידן ווייץ חדשים פארדעם, אבער על פי רוב, דאס וואס מען איז משקיע ביים אנגרייטן די ווייץ, מען מאלט מעל און מען נוצט כמעט דאס גאנצע מעל. ביים קנעטן, וועלגערן און באקן די מצות, קומט דאס ב"ה ארויס געוואלדיג כמעט דאס גאנצע טייג און אלע מצות וואס מען באקט.

**וואס מען איז משקיע פאַר'ן יו"ט, קומט ארויס בשלימות.**

די זעלבע זאך איז מיט אנגרייטן די מאכלי יו"ט. מען גרייט אָן דעם וויין מיט אלע מאכלי יו"ט, וואס די נשים צדקניות לייגן אריין א געוואלדיגן כוח; וואס מען איז משקיע, קומט ב"ה אויס געוואלדיג. און ווען עס קומט יו"ט, האט מען פיינע מאכלים לכבוד די סעודות יו"ט. מען גרייט אָן דאס הויז, מען רוימט עס אויס - אנשים, נשים וטף. מען איז בודק חמץ, און ווען דער יו"ט קומט אריין, זעט מען אז אזוי סאך ווי מען האט משקיע געווען, זענען די תוצאות הונדערט פראצענט; דאס הויז איז ב"ה ריין.

לאמיר גיין צום יו"ט 'שבועות'. פאַר'ן יו"ט שבועות גרייט מען זיך אָן, מען ציילט ספירה. בזמן שבית המקדש היה קיים האט מען מקריב געווען די שתי הלחם און די קרבנות. מען איז משקיע, מען גרייט אָן די שתי הלחם און די קרבנות, און ב"ה, דאס וואס מען האט משקיע געווען איז דער פועל יוצא - מען האט מקריב געווען די קרבנות און די שתי הלחם, עס איז געוואלדיג.

און יעצט בזמן הזה איז דא די מצוה פון סעודת יו"ט. עס איז געוואלדיג, מען איז משקיע, ווי די הייליגע גמרא (פסחים סח, ב) זאגט, "**אמר רב יוסף, בעצרת כולי עלמא מודו דבעינן נמי לכם**". מען איז משקיע אנצוגרייטן די סעודות יו"ט, און נאכדעם נאך אויף זיין א הייליגע נאכט, תיקון ליל שבועות, מיט אַן עבודת הקודש פון די הייליגע תפילות, די הייליגע הקדמות און די הייליגע קריאת התורה. נאכדעם עסט מען די צוויי סעודות זכר לשתי הלחם. דאס וואס מען האט משקיע געווען אין די סעודות פאר יו"ט און אנגעגרייט כיד המלך, עסט מען יו"ט און מען איז מקיים דעם יו"ט שבועות. ווי עס שטייט אין דער גמרא, דער "לכם" דאס איז דער יום שניתנה בו תורה, און מיר ווייזן ווי מיר פרייען זיך מיט דער תורה, אז אפילו דער גוף הגשמי פרייט זיך מיט מיט א מורא'דיגע שמחה פון דעם יום קבלת התורה.

אבער לאמיר יעצט גיין צום יו"ט סוכות.

יו"ט סוכות איז א יו"ט וואס מען גרייט זיך אָן און מען איז משקיע א געוואלד, אבער דער פועל יוצא איז בכלל נישט לויט דער השקעה. לאמיר זען: ווען מען גייט קויפן די ד' מינים, איז מען בודק צענדליגער אתרוגים, צענדליגער הדסים, לולבים און ערבות. מען גייט פון איין מוכר צום צווייטן, מען גייט פון איין דיין צום צווייטן, און מען איז משקיע אין אזוי סאך אתרוגים, הדסים און לולבים, אבער למעשה נעמט מען בכלל נישט די אלע אתרוגים און הדסים וואס מען האט משקיע געווען דערין צייט און כוח. צום סוף, טרעפט מען איין אתרוג מיט די אנדערע מינים, און דאס נוצט מען פאַר'ן יו"ט. קומט אויס אז **מען האט משקיע געווען**

**אין פיל מער ווי דעם וואס מען נעמט למעשה.**

די זעלבע זאך איז מיט בויען די סוכה. יעדער איינער ווייסט, מען קען האבן א סוכה משנה לשנה, אבער מען האקט נאכאמאל ברעטער, מען רוקט אהער און אהין דעם סכך... און ווען עס קומט צו מאכן די נוי סוכה, איז יעדעס יאר אן אנדערער מהלך און אן אנדערע עבודה, און מען איז משקיע אזוי סאך. די אלע ברעטער און זאכן וואס מען האט משקיע געווען צייט דערין, נוצט מען עס אָפּטמאָל בכלל נישט... מען גרייט זיך אָן צו מאכן די נוי סוכה אויף איין זייט און אויף דער צווייטער זייט, און צום סוף נוצט מען עס נישט, אדער מען נוצט נאר א טייל דערפון; עס איז בכלל נישט לויט דער השקעה.

והלא דבר הוא, **וואס איז דער ביאור הענין?**

## דער יסוד: דער רצון און די הכנה זענען אליין אַן 'עבודה'

דער תירוץ איז, אז דער רבוש"ע אנטפלעקט אונז דא א מורא'דיגן סוד אין עבודת השם.

עבודת השם האט אין זיך צוויי חלקים: עס איז דא דער חלק וואס מען איז משקיע, די הכנה פאר דער מצוה. עס איז דא די השתוקקות פאר א מצוה און די רצונות פאר דער מצוה, אבער נישט אייביג פירט מען אויס די אלע רצונות. למשל, איך האב געוואלט אויפשטיין פארטאגס, איך האב געוואלט ענדיגן די מסכתא, איך האב געוואלט דאווענען א 'נשמת' מיט א ברען, איך האב געוואלט זיך אָפּהיטן פון לשון הרע און רכילות אדער היטן די אויגן, אבער נישט אייביג האב איך אויסגעפירט מיינע חלומות, רצונות און שאיפות.

**דא שטעקט אבער א טעות.** ווייל א מענטש רעדט זיך איין אז עבודת השם איז נאָר דער צווייטער חלק - ווען מען האט שוין געענדיגט א מסכתא, ווען מען איז יא אויפגעשטאנען פארטאגס, ווען מען האט זיך אפגעהיטן די אויגן בשלימות אדער נישט גערעדט קיין לשון הרע. **א מענטש מיינט אז נאָר דער פועל יוצא איז די עבודת השם**, און ער ווייסט נישט אז אוודאי איז דער צווייטער חלק עבודת השם, אבער דער ערשטער חלק - די הכנה און דער רצון - איז אויך עבודת השם. אין די ספרים הקדושים שטייט אז **עס איז נאך פיל חשוב'ער.**

פארוואס?

ווייל די אלע רצונות, שאיפות און הכנות, בפרט אויב מען האט עס נישט געקענט אויספירן מכוח אל הפועל, דעמאלט האט מען א לב נשבר, און דער רבוש"ע נעמט דאס און זאגט: "דאס זענען די שיירי מצוה". דאס טרעפן מיר ביי די נענועים פון די ד' מינים, וואס זענען "מעכב את הפורעניות".

חז"ל זאגן אונז אין מסכת אבות, "לפום צערא אגרא" - **די שכר איז לויט דיין יגיעה, דיין שאיפות, דיין הארעוואניע, און 'נישט' לויט די לעמשה'דיגע פועל יוצא!**

לכאורה שטעלט זיך א קשיא: מען האט דאך שוין יוצא געווען די מצוה פון ד' מינים, מען האט שוין מקיים געווען "ולקחתם לכם" די מינוט וואס מען האט זיי אויפגעהויבן, **וואס איז דער פשט אז די נענועים זענען מעכב את הפורעניות?**

דער תירוץ איז, אז אפילו דו האסט שוין מקיים געווען די מצוה, זענען די רצונות און שאיפות וואס דו לייגסט אריין די וואס זענען מעכב את הפורעניות, ווייל דו ווייזט אז דו לייגסט אריין כוחות לשם שמים. **ווען א מענטש לייגט אריין כוחות אין א מצוה און ער האט נישט מצליח געווען אויפצושטיין פארטאגס אדער זיך צו היטן די אויגן, אבער ער גייט ווייטער אָן און דעם נעקסטן טאג פרובירט ער נאכאמאל מיט גרויסע כוחות, דערמיט ווייזטו אז דו ביסט אַן "אמת'ער עובד השם"**.

## דער כוח פון 'שאיפות'

עס קומט דער יו"ט סוכות און עס אנטפלעקט אונז א מורא'דיגן סוד.

עבודת השם באשטייט פון צוויי חלקים: די רצונות, די שאיפות און די הכנות, און עס איז דא דער חלק פון טון די מצוה בפועל. זאגט אונז דער רבוש"ע ביים יו"ט סוכות, "זמן שמחתנו", אז דו גייסט זיין פריילעך. יעדער ווייסט אז ווען מען טוט א מצוה בפועל און מען לערנט די הייליגע תורה, איז "פקודי ה' ישרים משמחי לב", "אין שמחה כשמחת התורה", "שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב". יעדער ווייסט אז די הייליגע תורה מיט די מצוות זענען די פרייליכסטע זאכן אויף דער וועלט.

אבער דא ליגט א טעות. **מען מיינט אז די שמחה איז נאָר ווען מען טוט עס 'בפועל'**. אבער אויב איך האב א הכנה פאר א מצוה, גדרים וסייגים, שאיפות און רצונות פאר א מצוה, ווער זאגט אז דאס איז חשוב? לכאורה ברענגט דאס נישט קיין שמחה, אדרבה, עס צובערעכט א מענטש ווייל ער האט עס נישט אויסגעפירט?!

דא קומט דער יו"ט סוכות אנטפלעקט אונז: **דיינע רצונות, דיינע שאיפות און דיינע הכנות למצוה, דאס גייט ברענגען די גרעסטע שמחה**. אויף דעם איז מען געווען אויף א גאנצע נאכט

און מען האט געטאנצן שמחת בית השואבה, וואס חז"ל זאגן אויף דעם: "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו".

און וואס האט מען דארט געטון?

**עס איז געווען א 'הכנה למצוה'.**

דאס איז דער געוואלדיגער גילוי פון טאנצן שמחת בית השואבה א גאנצע נאכט. דער רבוש"ע האט געזאגט, איך גיי משפיע זיין אזא געוואלדיגע שמחה, אזוי ווי **תוספות** ברענגט אראפ פונעם **ירושלמי**, אז יונה הנביא האט דעמאלטס עולה רגל געווען, און פון דארט האט אויף אים גערוט די רוח הקודש ביז ער איז געווארן א נביא.

דער רבוש"ע זאגט: איך גיי משפיע זיין רוח הקודש און איך גיי משפיע זיין שמחה. אבער נישט סתם א שמחה, נאָר א שמחה וואס חז"ל זאגן אויף איר "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו". עס איז געווען אזוי גרויס, אז מען האט געדארפט מאכן א תיקון גדול, ווייל יעדער איינער - אפילו די פרויען וואס זענען נישט געווען מחויב עולה רגל צו זיין און אויך די קטנים - אלע זענען געקומען, קיינער האט נישט געוואלט פאַרפּאַסן די שמחה.

און איבער וואס האט מען זיך געפרייט?

**איבער די הכנה פאר א מצוה.**

מען גרייט זיך צו, ווייל דער רבוש"ע האט אונז דא געוואלט מגלה זיין אז שמחה איז נישט נאָר ווען מען לערנט, דאווענט אדער טוט א מצוה בפועל. ווען דו גרייטסט זיך אָן, דו האסט רצונות, שאיפות און השתוקקות, איז דאס אליינס שוין א שמחה, און עס איז זייער מעגליך אז **דארט איז נאך א גרעסערע שמחה**.

דער הייליגער **רבי ר' מענדעלע וויטעבסקער** זי"ע זאגט, אז ווען א מענטש האט זיך אנגעגרייט צו טון א מצוה אבער ער האט עס נישט געקענט אויספירן, איז דאס די גרעסטע שלימות. פארוואס? **ווייל יעצט האט ער א לב נשבר. און וויבאלד דו האסט א לב נשבר, האסטו נישט די הרגשה פון "כחי ועוצם ידי".**

דער הייליגער **שינאווער רב** זי"ע פלעגט זייער שטארק מפליא זיין אז א מענטש וואס האט געוואלט טון א מצוה און נישט געקענט.

פארוואס?

ווייל ווען איינער טוט א מצוה בפועל, "מי יאמר זכיתי לבי טהרתי מחטאתי", ווער קען זאגן אז ער האט געטון די מצוה בשלימות? אבער אויב דו האסט נאָר 'געוואלט', זאגט דער שינאווער רב, אז **אזוי ווי דער מענטש 'וויל', ווערט דאס גערעכנט ווי ער האט עס שוין געטון בשלימות.**

בפרט אז חז"ל זאגן, "חשב לעשות מצוה ונאנס, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה" - כאילו דער אייבערשטער האט עס געטון. זאגט דער הייליגער **קאָצקער** זי"ע: **דער אייבערשטער זאגט "איך האב עס געטון!" - און אז דער רבוש"ע האט עס געטון, איז עס אוודאי בשלימות...**

## דער געוואלדיגער כח פון שאיפות און רצונות - חלק ב'

### דער סוד פון די מים תחתונים און דאס געוויין פונעם וואסער

לאמיר יעצט צוריקגיין צו שמחת בית השואבה. מען דארף זיך מתבונן זיין אין נאך א נקודה: די גאנצע שמחת בית השואבה א גאנצע נאכט איז געווען אן הכנה פארן שאיבת המים, וואס מען האט געגאסן דעם ניסוך המים ביי די הקרבת תמיד. **פארוואס טאקע דווקא די וואסער?**

עס שטייט שוין פונעם הייליגן **'ישמח משה'** זי"ע, און עס ווערט אראפגעברענגט אינעם ספר **'פלא יועץ'** פונעם הייליגן רבי מאטילע הארנסטייפלער זי"ע, אז דער ישמח משה צייכנט צו א **מדרש** אין בראשית רבה (פרשה ה'), אז די מים התחתונים האבן געוויינט: **"אנן בעינן למהוי קמי מלכא"**, מיר ווילן אויך זיין ביים אייבערשטן, פארוואס האט מען אונז אראפגעשיקט אויף דער וועלט? זאגט דער מדרש אז דער אייבערשטער האט זיי געזאגט: וויבאלד איר האט געטון מיין רצון און איר זענט אראפגעגאנגען ווען איך האב ענק געבעטן, טאקע אמת, איר קענט נישט זיין דא אויבן ביי מיר, אבער איך גיי ענק געבן א מצוה.

וואס איז די מצוה?

"עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" (ויקרא ב, יג), אז ביי די קרבנות גייט מען מקריב זיין זאלץ - וואס קומט פון וואסער. און נישט נאָר דאס, נאָר מען גייט אויך מאכן די מצוה פון 'ניסוך המים'.

זאגט דער הייליגער ישמח

משה, דאס איז דער פשט פון דעם פסוק אין תהלים (קלז, א) "עַל נַהֲרוֹת בָּבֶל שָׁם יָשַׁבְנוּ גַּם בָּכִינוּ בְּזָכְרֵנוּ אֶת צִיּוֹן". ווען די לוים זענען אנגעקומען צו די טייכן פון בבל, האבן די וואסערן אנגעהויבן צו וויינען. פארוואס? ווייל זיי האבן געזאגט: ביז יעצט, ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, איז געווען "עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח" און ניסוך המים, אבער יעצט אז עס איז נישטא קיין בית המקדש, האבן זיי אנגעהויבן צו וויינען.

עכ"פ, ערקלערט ער אז **די וואסער בארואיגט זיך ביי שמחת בית השואבה מיט דעם וואס מען גייט יעצט צוריק טון א מצוה.** דער פלא יועץ איז מסביר דארט באריכות אז דאס איז געווען די שמחה א גאנצע נאכט.

## די כוואליעס פון וואסער: א לימוד אין שטענדיגע השתוקקות און רצונות אין עבודת ה'

על דרך זה, קען מען ממשיך זיין. עס שטייט פונעם הייליגן **'ייטב לב'** זי"ע א מורא'דיגע זאך.

ווען מען קוקט אויף די וואסער, זעט מען אז די וואסער האט כוואליעס און עס וויל כסדר איינעמען די יבשה. וואס גייט דא פאָר? **פארוואס איז די וואסער אזוי רוישעדיג?**

ער איז מסביר אז זינט דער אייבערשטער האט געהייסן אז די וואסער זאל זיך צוטיילן און א חלק זאלן אראפגיין דא אונטן אין עולם הזה, שפרינגט די וואסער - די 'מים התחתונים' - און וויל צוריק ארויפגיין, "אנן בעינן למהוי קמי מלכא".

אבער וואס פאסירט נאכדעם? די כוואליעס הייבן אָן נאכאמאל צו קומען, ער פרובירט נאכאמאל ארויפצוטאנצן, עס גייט נישט, אבער ער געבט נישט אויף און הייבט אָן נאכאמאל.

קומט אויס אז די וואסערן ווייזן אונז א מורא'דיגע זאך: **אפילו מען האט זיי אראפגעשיקט אין עולם הזה, האבן זיי רצונות, שאיפות און השתוקקות, זיי טאנצן און ווילן צוריק ארויפגיין "למהוי קמי מלכא", און זיי געבן נישט אויף.**

(אגב, איך האב אמאל געזען אין איינע פון די **ספרים הקדושים**, אז דאס איז דער טעם פארוואס ווען א מענטש וויל זיך בארואיגן גייט ער צו א וואסער. פארוואס? ווייל וואס איז די סיבה פארוואס א מענטש איז נישט רואיג? ווייל ער האט נישט געקענט אויספירן זיינע רצונות און שאיפות. אבער **ווען ער גייט צום וואסער און זעט ווי די וואסער האלט אין איין טאנצן און וויל ארויפשפרינגען צוריק ארויף און ער געבט נישט אויף, דאס בארואיגט דעם מענטש**).

לויט דעם פארשטייען מיר זייער גוט פארוואס מיר מאכן היינט נאך אלץ א זכר פאר שמחת בית השואבה. ווייל די נקודה וואס דאס וואסער האט אונז אויסגעלערנט - אז מען זאל נישט אויפגעבן די השתוקקות - איז אוודאי און אוודאי נוגע היינט. "עַל כָּל קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח", מיר האבן א 'זכר' דערצו מיט דעם וואס מען לייגט זאלץ אויפ'ן טיש ווי עס שטייט אין שולחן ערוך, און אלס א זכר לשמחת בית השואבה זאגט מען די 'שיר המעלות'ן און מען זינגט, **כדי צו מעורר זיין די כח השמחה נישט נתפעל צו ווערן פון א דורכפאל, נאָר גיין ווייטער און זיין פעלזן-פעסט ביי זיך - אזוי ווי די כוואליעס פון די וואסער.**

**מיר דארפן זיך מתבונן זיין אז ווען מיר קוקן אויף דאס וואסער און מיר זעען ווי דאס וואסער שפרינגט, אפילו עס פירט נישט אויס, גיבט עס נישט אויף. דאס קומט אונז מרמז זיין, דו גיב נישט אויף מיט דיינע רצונות! און דאס אליינס ברענגט א געוואלדיגע שמחה פאר א מענטש.**

דאס איז די נקודה פון שמחת בית השואבה, און דאס איז די נקודה פון שמחה פונעם יו"ט סוכות.

## הכנה פאר א מצוה ברענגט שמחה פונקט ווי די מצוה אליינס

לאמיר יעצט גיין צום יסוד פון הכנה ליו"ט סוכות.

ווען מען גרייט זיך צו צום יו"ט סוכות, זאגט אונז דער רבוש"ע: "איך וויל דיר מגלה סוד זיין. דו מיינסט אז נאָר ווען דו טוסט א מצוה בפועל, דעמאלטס ביסטו זוכה צו שמחה של מצוה? דו מיינסט אז נאָר ווען דו ביסט אויפגעשטאנען פארטאגס, ווען דו האסט געענדיגט א מסכתא, ווען דו האסט דיך אפגעהיטן די אויגן בשלימות, ווען דו האסט נישט גערעדט קיין שום ווארט לשון הרע, און דו האסט געלערנט בהתמדה וברציפות אן אויסצושמועסן אינמיטן לערנען - נאָר דעמאלטס קענסטו זיין בשמחה?"

זאגט דער רבוש"ע: **"איך בין דיר מגלה אז אפילו ווען דו גרייטסט זיך אָן פאר א מצוה און דו האסט עס נישט אויסגעפירט, ווערסטו אויך זוכה זיין צו א שמחה".** דאס זעט מען ביי די הכנה פונעם יו"ט סוכות. מען גרייט זיך אָן אויף 'זמן שמחתנו' ביים יו"ט סוכות, מען איז משקיע אין צענדליגער אתרוגים, אין צענדליגער הדסים, אין צענדליגער לולבים, און מען פירט נישט אויס.

און דאס איז די הכנה פאַר'ן יו"ט, **ווייל דער רבוש"ע וויל אונז מגלה**

**דעת זיין אז הכנה פאר א מצוה ברענגט שמחה פונקט ווי די מצוה אליינס.** מען בויעט א סוכה מיט נוי סוכה, און נישט אלע נוי סוכה הענגט מען אויף, און נישט אלע ברעטער ניצט מען, אבער דאס איז די הכנה פאר 'זמן שמחתנו'.

## די הכנה וואס האלט אָפּ דעם יצר הרע נאך יום כיפור

אצינד, לאמיר זען א מורא'דיגן יסוד וואס שטייט אין **מדרש**. מיר ווייסן אז עס שטייט פונעם הייליגן '**יערות דבש**' א מורא'דיגער יסוד אויף די גרויסקייט פון די דאזיגע טעג.

די **גמרא** זאגט אין מסכת יומא (כ, ב) אז 'השטן' איז בגימטריא שס"ד (364). אבער עס זענען דא 365 טעג אין א יאר? איין טאג, יום כיפור, האט ער נישט קיין רשות.

פרעגט דער יערות דבש בשם דעם **רמ"ע מפאנו**: וואס איז מיט דעם אות ה'? **דער אות ה' איז דאך נישט קיין חלק פונעם שורש פונעם ווארט?**

זאגט דער הייליגער יערות דבש אז עס גייט ארויף אויף די פינף טעג צווישן יום כיפור און סוכות. **אין די פינף טעג האט דער הייליגער 'מגיד' מגלה געווען פאר'ן 'בית יוסף' אז די 'לבנינות' – די ריינקייט – פון יום הקדוש ציט זיך ביז'ן ערשטן טאג סוכות.**

דאס איז געבויט אויפ'ן הייליגן מדרש. דער מדרש זאגט אז יום כיפור איז דער אייבערשטער מוחל אויף די עבירות. זאגט דער מדרש ווייטער אז פון יום כיפור ביז סוכות ווערן אויך נישט גערעכנט קיין עבירות, עס האט די קדושה פון יום כיפור. פארוואס? זאגט דער מדרש: "ווייל מען איז טרוד במצוות", מען איז פארנומען מיט מצוות.

לאמיר זיך דא אביסל מתבונן זיין: וואס מיינט "טרודים במצוות"? לכאורה, ווי לאנג דויערט שוין צו קויפן אַן אתרוג? מען גייט אריין צום סוחר, מען קויפט אַן אתרוג, מען באצאלט און מען גייט ארויס. מען האט די ברעטער פון די סוכה, מען בויעט עס אויף, און מען גייט ווייטער. **וואס איז דאס "טרודים במצוות"?**

נאָר מיר אלע ווייסן, אז עס עקזיסטירט נישט אזא זאך ווי א מענטש זאל אריינגיין צו אַן אתרוג-סוחר און גלייך קויפן א פארטיגן אתרוג... עס איז פשוט נישטא אזא מציאות... יעדעס יאר דארף מען פריש באקוקן אתרוגים און פרישע הדסים, מען קוקט דעם אתרוג און יענעם אתרוג, דעם הדס און יענעם הדס, דעם לולב און יענעם לולב. מען האקט דעם ברעט און יענעם ברעט, מען פרובירט דעם נוי סוכה און יענעם נוי סוכה, און ענדליך - אָהָא! יעצט האט מען שוין א סוכה, ענדליך האט מען שוין די ד' מינים. דאס טייטשט "טרודים במצוות".

זאגט דער הייליגער מדרש: **די "טרודים במצוות", די הכנה, די רצונות, די שאיפות וואס דו מיינסט אז דו פירסט נישט אויס – דאס איז וואס עס ציט ממשיך צו זיין די 'לבנינות' פון יום הקדוש ביז סוכות.**

**ווייל דער כלל אין עבודת השם איז "לפום צערא אגרא", די הצלחה פון אן עובד השם איז נישט לויט די 'פועל יוצא', נאר לויט די יגיעה. באקוקן צען אתרוגים הייסט הצלחה! באקוקן צוואנציג לולבים הייסט הצלחה! לייגן די ברעטער פון די סוכה אהער און אהין, און צום סוף קומט מען אויף מיט א נייע עצה, מיט א נייע געדאנק, דאס איז הצלחה!**

## ווי אזוי דורך די הכנה ווערן די 'זדונות' פארוואנדלט אין 'זכויות'

זאגט ווייטער דער מדרש. אין פסוק שטייט (ויקרא כג, מ) "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן" - דאס מיינט, עס איז דער "**ראשון לחשבון עוונות**". זאגן דער הייליגער '**קדושת לוי**' זי"ע און דער הייליגער '**חתם סופר**' זי"ע, אז דאס איז ווייל מען טוט **תשובה מאהבה**. מען נעמט די ד' מינים, מען זיצט אין די סוכה מיט אזא מין שמחה און אהבה, ממילא ווערן די זדונות פארוואנדלט אין זכויות. אויב ביז יום הקדוש זענען זדונות געווארן ווי שגגות, ווערן יעצט ביי "ראשון לחשבון עוונות" די זדונות ממש ווי זכויות.

אלע פרעגן: וואס טוט זיך אין די טעג צווישן יום כיפור און סוכות?

לויט ווי מיר האבן געשמועסט, איז דער חשבון הפלא ופלא. עס זענען דא צוויי סארט חלקים אין א מצוה וואס מאכן אז זדונות זאלן ווערן כזכויות:

דער **ערשטער חלק** איז די הכנה פאר די מצוה, וואס דאס פאסירט פון יום כיפור ביז סוכות. דער עולם איז פריילעך און ווייזט ארויס אהבה צום אייבערשטן. מען לויפט פון איין אתרוג-סוחר צום צווייטן, מען פרובירט אויפצוהענגען דעם נוי סוכה און יענעם נוי סוכה. און פון די הכנה אליינס, וואס דו פירסט נישט אויס בפועל - ווייל למעשה הענגסטו דאך נישט אויף אלע נוי סוכה וואס דו האסט געוואלט, און דו קויפסט נישט אלע אתרוגים

וואס דו האסט באקוקט - פון דעם אליינס ווערן די זדונות כזכויות.

דערנאך קומט "ולקחתם לכם ביום הראשון" - סוכות, "ראשון לחשבון עוונות", זדונות כזכויות. דאס איז דער **צווייטער חלק**, ווייל דארט פירט מען שוין אויס די מצוות בפועל. און היות "פקודי ה' ישרים משמחי לב, מצות ה' ברה מאירת עינים", די תורה און מצוות זענען לעכטיג, מאכט אוודאי דער יו"ט סוכות מיט די ד' מינים אויך אז די זדונות זאלן ווערן כזכויות.

קומט אויס אז מיר האבן צוויי סיבות אויף זדונות כזכויות: איינס, **די 'הכנה למצוה' פון יום כיפור ביז סוכות**, און די צווייטע איז **ווען מיר טוען די 'מצוות בפועל'**.

דאס איז פשט אין מדרש: "ביום ראשון" , ווען דו האסט ביידע חלקים, **א'** - די הכנה פון בויען די סוכה און די הכנה פון קויפן ד' מינים. **ב'** - די עצם מצוה פון ישיבת סוכה און מצות ד' מינים מיט די נענועים, דוקא יעצט ווען ביידע חלקים קומען זיך צוזאמען איז "ראשון לחשבון עוונות", אז אלע עבירות ווערן זכיות.

### סיכום: די צוויי וועגן צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה

דער לימוד וואס מיר דארפן ארויסנעמען איז אז מיר דארפן דא אנגרייטן שמחה אויף א גאנץ יאר. מיר דארפן וויסן אז עס זענען דא צוויי חלקים אין זיין אַן עובד השם. דער ערשטער חלק איז די 'מצוה בפועל' - "פקודי ה' ישרים משמחי לב" - דאס לערנען, דאס דאווענען, טון מצוות און חסד, די עבודה פון שבת קודש, אריינהארעווען אין א 'נשמת'. דאס איז פשוט אז עס ברענגט שמחה.

אבער דער אנדערער יסוד וואס מיר האבן יעצט געשמועסט איז די 'הכנה פאר די מצוה'. ביי שמחת בית השואבה האט מען געטאנצט א גאנצע נאכט אלס א הכנה צו שעפן וואסער, און דאס האט געברענגט די גרעסטע שמחה, ווי עס שטייט: "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו".

מ'דארף זיך אפלערנען פון דעם וואסער, "אנן בעינן למהוי קמי מלכא". דאס וואסער האלט אין איין שפרינגען ארויף און ער געבט נישט אויף. **מיר דארפן אויך כסדר וועלן אויפשטיין פארטאגס, און כסדר וועלן לערנען בהתמדת שעות רצופות. מיר דארפן כסדר אויפרישן די רצונות אויף שמירת עינים און שמירת הלשון, און קיינמאל נישט אויפגעבן, נאָר זיך אפלערנען פון דעם וואסער. און דאס האט געברענגט די גאנצע שמחת בית השואבה.**

און מיר דארפן זיך אפלערנען דעם יסוד וואס דער מדרש מגלה אונז, אז די לבנינות פון יום כיפור ווערט נמשך אין סוכות, ווייל מיר זענען "טרודים במצוות". מיר לויפן פון איין אתרוג סוחר צום צווייטן, מיר פרובירן אויפצוהענגען דעם נוי סוכה און יענעם נוי סוכה, **אפילו אויב מ'האט עס נישט אויסגעפירט בשלימות --- אבער דאס ברענגט די גרעסטע לבנינות, און דאס איז די גרעסטע הכנה פאַר'ן 'זמן שמחתנו'.**

א לעכטיגן יו"ט, און א גוט קוויטל!

## ולקחתם לכם

# דער גרעסטע געווער פון א איד: מיר האבן די 'שרביטו של מלך' פון הקב"ה אין די האנט!

### מחשב זיין שכר מצוה און די לעכטיגקייט פון א מצוה

די **משנה** זאגט אין מסכת אבות (פרק ב', משנה א') "והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה, שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות, והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה". א מענטש זאל שטענדיג אינזינען האבן און אויסרעכענען דעם שכר פון א מצוה. וואס איז פשט אין דעם?

דער הייליגער **רבי ר' מענדעלע רימנובער** זי"ע האט געזאגט - און דער זעלבער יסוד שטייט אויך פונעם הייליגן **'באר מים חיים'** זי"ע - אז אויב מען וואלט געגעבן פאר א איד א ברירה ארויפצוגיין אויבן אין הימל פאר בלויז איין רגע, און ער וואלט געזען די געוואלדיגע לעכטיגקייט וואס ווערט באשאפן ווען א איד טוט א מצוה, ער וואלט געזען וואסערע שמחת החיים, וואסערע מנוחת

הנפש, און וואסערע אינערליכע עשירות אין מוח און אין הארץ דאס ברענגט פארן מענטש, **וואלט ער נאכגעלאפן נאך א מצוה מיט אזא התלהבות, אז קיין שום גשמיות'דיגע זאך אויף דער וועלט וואלט אים נישט אינטערעסירט.**

זיי לייגן צו, אז מען רעדט נישט דא פון זען דעם שכר אין גן עדן אדער דעם שכר בעולם הזה. ניין, מיר רעדן בכלל נישט דערפון. מיר רעדן בלויז פון דעם, אז אויב א איד וואלט נאָר געזען וואס א מצוה טוט אויף און ווי אזוי זי מאכט דעם מענטש לעכטיג, פרייליך און געשמאק, וואלט ער געלאפן טאג און נאכט אין בית המדרש און געזעסן בהתמדה! ער וואלט געטון מצוות מיט אַן אומבאשרייבליכע התלהבות!

ווי אויך, ווען א מענטש וואלט נאָר געווען פאר איין רגע אויבן אין הימל און געזען וואס א מצוה טוט אויף - דעם נחת רוח פארן אייבערשטן און די גרויסע שמחה וואס ווערט אין די פמליא של מעלה - וואלט ער נישט אויפגעהערט צו לערנען, דאווענען און טון מצוות מיט דעם גרעסטן געשמאק, אפילו אָן קוקן אויפן חלק השכר בעולם הזה אדער בעולם הבא.

אין אנדערע ווערטער, די צדיקים האבן אונז דא מגלה געווען א מורא'דיגע זאך: די סיבה פארוואס א מענטש גייט נישט צו צו א מצוה מיט דעם גרעסטן געשמאק, איז **ווייל ער כאפט נישט וואס דא טוט זיך אפ.**

די זעלבע זאך איז פארקערט: **ווען א מענטש וואלט געווען אויבן אין הימל פאר איין רגע און געזען וואס עס מיינט צו טון אַן עבירה - אז עס מאכט דעם מענטש טונקל און ברענגט אים צו זיין אינגאנצן צעבראכן מיט עצבות און מרה שחורה - וואלט ער קיינמאל נישט געטון קיין עבירה.** מיר רעדן דא נישט פונעם עונש בעולם הזה אדער בעולם הבא, נאָר בלויז פון דעם חלק וואס דער מענטש וואלט געזען וואס ער טוט אפ, אז ער מאכט זיין אייגענעם מוח און הארץ טונקל, צעבראכן און מרה שחורה'דיג.

ווי אויך, ווען א מענטש וואלט געווען פאר איין רגע אויבן אין הימל און געזען דעם צער השכינה וואס ער פאראורזאכט פארן אייבערשטן, און וואסערע חורבן ער מאכט אָן אין די עולמות העליונים והתחתונים מיט בלויז איין עבירה, וואלט ער קיינמאל אין זיין לעבן נישט געטון קיין עבירה.

נאכאמאל, מיר רעדן נישט דא פונעם חלק העונשים, לא בזה ולא בבא; מיר רעדן בלויז פון דעם וואס א מענטש וואלט געזען וואס עס טוט זיך אפ ווען ער טוט חלילה אַן עבירה. דאס איז דער פשט אין דער משנה: "והוי מחשב שכר מצוה" - **מען דארף אויסרעכענען די געוואלדיגע גרויסקייט וואס א מצוה איז,** "ושכר עבירה כנגד הפסדה", **און מען דארף אויסרעכענען וואס ווערט געטון דורך אַן עבירה.**

אוודאי מיינט די משנה אויך דעם שכר און די עונשים בעולם הזה ובעולם הבא, אבער די צדיקים האבן אונז מגלה געווען אז **די משנה מיינט אויך דעם עצם יסוד פון וואס א מצוה און אַן עבירה זענען. א מצוה איז אזוי געשמאק און לעכטיג, און אַן עבירה איז אזוי טונקל און מרה שחורה'דיג, אז אפילו אָן דעם שכר און עונש וואלט א מענטש געלאפן טון מצוות און וואלט אנטלאפן הונדערטער טויזנטער מייל אוועק פון אַן עבירה!**

## דער שליסל פון "הכרה" אין עבודת השם

דער יסוד און דער שליסל צו דעם איז 'הכרה', אנערקענונג, ווי דער הייליגער **'יושר דברי אמת'** זי"ע איז מאריך אין זיינע בריוו, און דער **אַלטער** פון **קעלם** זי"ע אין זיינע שמועסן: אז דער גאנצער שליסל פונעם מענטש איז 'הכרה' - ער זאל מכיר זיין וואס דא טוט זיך אפ. **ווען א מענטש איז מכיר די חשיבות פון א מצוה און דעם געוואלדיגן חורבן וואס ער מאכט ביי אן עבירה, ווערט ער א נייער מענטש.**

ווען מיר גייען יעצט אריין אין דעם יו"ט סוכות, איז איינע פון די וועגן ווי אזוי א מענטש קען אויפקאכן זיין מוח און הארץ צו דער הייליגער מצוה פון סוכה, צו די ד' מינים, און צום יו"ט סוכות בכלליות, דורך אריינקוקן אין די ספרים הקדושים און כאפן א בליק און א דערהער וואס דא טוט זיך אפ. אויטאמאטיש, ווען ער וועט זען אז דא בויט מען אויף פאלאצן, גאנצע שטעט און לענדער אין די רוחניות'דיגע וועלטן... וועט ער צוגיין גאר אנדערש צו דער מצוה.

## דער משפט פון ראש השנה: 'מלך' אדער 'מושל'

לאמיר זען דעם **מדרש** אין ויקרא רבה (פרשה ל').

דער הייליגער מדרש פרעגט: וואס איז דער ענין פון די ד' מינים?

**"כשהיו נדונין לפני המלך ולא ידעו מה נצח דינן"** - עס איז געווען א ראש השנה, און מיר האבן נישט געוואוסט ווער עס האט געוואונען דעם דין. ישראל ואומות העולם קומען און מקטרג זיין פארן באשעפער אין ראש השנה, **"ולית אנן יודעין מה נצח"** - מיר ווייסן נישט ווער עס האט געוואונען.

דער ביאור הדברים שטייט שוין פונעם **ווילנער גאון** זי"ע, פונעם **'חתם סופר'** זי"ע, פונעם **'יושר דברי אמת'** זי"ע און אין אלע ספרים הקדושים, אז ביי דעם דין פון ראש השנה זענען דא צוויי חלקים. איין משפט איז, **מען איז דַן צי דער רבוש"ע כביכול גייט זיין א 'מושל' אדער א 'מלך'**. א 'מושל' מיינט אז דער רבוש"ע געוועלטיגט אויף דער וועלט בעל כרחך, אזוי ווי – להבדיל – א 'דיקטאטור', ווי דער ווילנער גאון מסביר.

דאס הייסט, די גוים ווילן אז דער רבוש"ע זאל נישט זיין קיין מלך. אויב דער רבוש"ע איז בלויז א מושל, איז דאס א בזיון פאר א מלך, ווייל כאטש ער פירט די וועלט, ווילן זיי אים נישט אנערקענען אלס מושל און זענען נישט אינטערעסירט צו זיין אונטערטעניגט צו זיין מלוכה.

פון דער אנדערער זייט, אידישע קינדער ווילן אז דער אייבערשטער זאל זיין א מלך. א מלך מיינט אז מען וויל אים, אזוי ווי מיר זאגן ביים דאווענען: "ומלכותו ברצון קבלו עליהם". מיר ווילן זיין מלוכה. ווערן די מלוכה מיינט אז מיר גלייבן אינעם אייבערשטן, מיר האבן אמונה ובטחון, מיר ווילן מקבל זיין תורה ומצוות, מיר ווילן לערנען, דאווענען און דינען דעם אייבערשטן, און אויספאלגן אלע זיינע חוקים ומשפטים. דאס טייטש אז מיר ווילן מקבל זיין עול מלכותו און אויספאלגן אלע חוקי המלך – דאס מיינט ממליך זיין דעם מלך. דאס איז איין חלק פונעם דין אין ראש השנה.

אויף דעם זאגט דער הייליגער **'שר שלום'** פון **בעלזא** זי"ע אויפ'ן פיוט "ומלאכים יחפזון וחיל ורעדה יאחזון", אז די מלאכים ציטערן. פרעגט דער שר שלום: פאר וואס ציטערן זיי? ענטפערט ער: **"כי הנה יום הדין" – זיי ציטערן פונעם יום הדין, צי דער אייבערשטער גייט זיין א 'מושל' אדער א 'מלך'**. אויב דער אייבערשטער איז בלויז א מושל, איז דאס א געוואלדיגער בזיון וואס די מלאכים קענען נישט צוקוקן. אבער אויב די אידישע קינדער זענען מקבל עול מלכות שמים און נעמען ארום דעם אייבערשטן אלס מלך, דעמאלטס פרייען זיך די מלאכים. דאס איז דער ערשטער משפט פון ראש השנה.

## דער חילוק צווישן אַן 'עבד' און א 'בן'

דער צווייטער משפט אין ראש השנה איז **ווען מען איז דַן דעם מענטש אליין**. וואס גייט זיין מיט אים? עס פארשטייט זיך אליין אז דער צווייטער משפט – אז א מענטש זאל זוכה זיין צו א כתיבה וחתימה טובה און א גוט געבענטשט יאר מיט אלע השפעות – ווענדט זיך אינגאנצן אינעם ערשטן משפט. ביי די גוים, וואס ווילן נישט דעם אייבערשטן אלס מלך נאָר אלס מושל, ווערן זיי טאקע נישט גע'משפט'ט לטובה. אבער אידישע קינדער, אויב זיי זענען מקבל עול מלכות שמים, זיי ווילן דעם אייבערשטן אלס מלך און טוען תשובה, איז דער אייבערשטער מקבל זייער תשובה.

נאך מער פון דעם: וויבאלד אידישע קינדער ווילן דעם אייבערשטן אלס מלך, ווערן זיי אנגערופן 'בני מלכים', און דעמאלטס קענען זיי תשובה טון אויף אזא אופן אז זייער תשובה ווערט נתקבל ביז אזוי ווייט, אז **נישט נאָר זייערע עבירות ווערן אויסגעמעקט, נאָר די עבירות ווערן 'נתהפך לזכיות'**. דאס איז דער ענין פונעם משפט ראש השנה.

יעצט האבן מיר א שאלה: **וואס איז למעשה געווארן?**

זאגט דער מדרש ווייטער: יעצט דארף מען אויספינען וואס איז טאקע געווארן מיט דעם דין און מיט דעם משפט? **"במה שישראל יוצא מלפני הקדוש ברוך הוא ולולביהן ואתרוגיהן בידן, אנו יודעין דישראל אינון נצוחייא"**. דורך דעם וואס אידישע קינדער קומען ארויס מיט די ד' מינים, ווייסן מיר אז 'דידן נצח!' – מיר האבן געוווינען.

לכאורה שטעלט זיך א קשיא: וואס איז די שייכות פון די ד' מינים צו ווייזן אז 'דידן נצח'?

די נקודה איז, אז דא ליגט א מורא'דיגער יסוד.

א קעניג האט א מלוכה, און עס זענען דא עבדים און עס זענען דא בנים – עס זענען דא קנעכט און עס זענען דא קינדער. וואס איז דער חילוק צווישן אַן עבד און א בן?

מיר ווייסן וואס עס שטייט אין אלע ספרים הקדושים, און דער הייליגער באר מים חיים זאגט עס אויך, אז דער חילוק איז אז **אַן עבד, ווען ער ענדיגט זיין ארבעט, זוכט ער זיך צו פטר'ן**. אויב ער דארף בכלל נישט דינען דעם קעניג, איז ער נאך מער רואיג, ווייל ער איז בכלל נישט אינטערעסירט צו געפעלן אדער צו האבן א קשר מיטן קעניג. אַן עבד איז נאָר אינטערעסירט צו טון זיין ארבעט כדי צו ווערן באצאלט, ער זאל האבן וואס צו עסן און טרינקען און קענען אנגיין מיט זיין פריוואטן לעבן. ער איז נישט אינטערעסירט צו בויען די מלוכה אדער האבן א קשר מיטן מלך.

ווידער א קינד פון א מלך איז אבער גאר אנדערש. א בן מלך זוכט צופרידן צו שטעלן דעם טאטן, דעם קעניג, און אפילו ווען

דער טאטע בעט אים נישט, לויפט ער טון זיין רצון. **אפילו ווען ער ענדיגט שוין וואס דער מלך האט אים געהייסן, זוכט ער אלץ מער צו שאפן א קשר מיט זיין טאטן, אים צו מאכן צופרידן און אויפבויען די מלוכה.** דאס איז דער חילוק צווישן אַן עבד און א בן.

בעזרת השם וועלן מיר זען אז דאס איז דער שליסל צום יו"ט סוכות.

## דער חילוק צווישן א איד און להבדיל א גוי: ווער האט א שַׂר אונטער זיך

לאמיר זען וואס איז דער חילוק צווישן א גוי און להבדיל א איד. א אידיש קינד איז א 'בן מלך', ער איז א קינד פונעם קעניג. אויב ער איז א בן מלך, עסט ער אינעם קעניגליכן פאלאץ, ער עסט ביים טאטן ביים טיש און וואוינט אינעם פאלאץ. די קליידער און אלע זיינע צרכים באקומט ער דירעקט פונעם פאלאץ.

וואס טוט זיך אבער מיט די עבדים, די קנעכט? די עבדים עסן נישט אינעם פאלאץ. פאר זיי האט מען אן עקסטערע שטוב און מען קאכט פאר זיי עקסטער, זיי קענען נישט באקומען די 'מעדני מלכים' און די אנדערע זאכן פונעם פאלאץ ווייל זיי זענען בלויז עבדים.

די אידישע קינדערלעך ווייסן אז זיי זענען נישט אונטער קיין שום שָׂרִים. אזוי ווי עס שטייט אָפן אין די פסוקים אז דער אייבערשטער זאגט (דברים לב, ט) "כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ", און ווי דער הייליגער **אור החיים הקדוש** איז מסביר, אז **אידישע קינדער האבן א 'חבל הכסף' מיט וואס מיר זענען ממש מקושר צום אייבערשטן**, "וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּה' אֱלֹהֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם". דער הייליגער אור החיים הקדוש זאגט אז מיר זענען דבוק אינעם שם הוי"ה וואס ווערט נישט אויסגעמעקט.

עס שטייט אין פסוק "יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ", און דער אור החיים הקדוש זאגט אז מיר זענען געבינדן מיטן אייבערשטן. דער אייבערשטער זאגט: דינט נישט די זון און די לבנה, דינט נישט די כוכבים און די מזלות, וואס דאס האט דער אייבערשטער געגעבן פאר אלע פעלקער. וואס מיינט דאס? אידישע קינדער האבן נישט קיין שַׂר און זענען נישט אונטער די מזלות, ווייל דער אייבערשטער אליין שפייזט זיי. דער אייבערשטער זאגט: **דו עסט ביי מיין טיש.** דער אייבערשטער זאגט: **איך געב דיר צו עסן, איך געב דיר קליידער, און איך בין דער וואס באזארגט אלע דיינע באדערפענישן.**

ווידער די אומות העולם זענען אבער יא אונטער די שָׂרִים, ווייל זיי זענען עבדים. עבדים באקומען אנדערע מיני עסן און אנדערע קליידער. זיי ווערן טאקע אויך געשפייזט פונעם קעניג, אבער אויף א גאָר אנדערן אופן.

די סיבה דערפאר איז זייער פשוט: ווייל מיר זענען בני מלכים, און אונזער גאנץ לעבן איז די מלוכה פונעם אייבערשטן, ממילא זענען מיר נישט אונטער קיין שום שַׂר אדער מזל, נאָר מיר באקומען פונעם אייבערשטן אליין. די גוים זענען נישט אינטערעסירט צו דינען דעם אייבערשטן ברצון, זיי זענען בלויז עבדי המלך, ממילא ווערן זיי געשפייזט דורך די שָׂרִים און די מזלות. דאס זענען די 70 שָׂרֵי אומות העולם וואס געפינען זיך אויבן אין הימל, און אויף זיי זאגט דער אייבערשטער אז זיי מאכן זיכער אז די וועלט פירט זיך אויפ'ן אופן פון 'עולם כמנהגו נוהג'.

## דער חילוק צווישן א איד און להבדיל א גוי לענין 'תשובה'

יעצט לאמיר צוגיין צום ענין פון 'תשובה'.

דער הייליגער **'בני יששכר'** זי"ע אין די מאמרי חודש תשרי (מאמר ד') ברענגט א פסק פונעם הייליגן **מבי"ט** אין 'בית אלקים' (שער התשובה פרק י"ג). ער ברענגט אויך א פסק פונעם **רמ"ע מפאנו** אין ספר 'מאמרות' (חקור הדין חלק ב' פרק י"א) און נאך אנדערע **ראשונים**, אז **תשובה העלפט נישט פאר גוים.**

דער הייליגער בני יששכר איז דאס מסביר אויף א פשוט'ן אופן: די **גמרא** זאגט אין מסכת קידושין (לב, ב) "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול". ממילא, זאגט ער, ווען די גוים טוען עבירות זענען זיי א 'מורד במלכות', און דער אייבערשטער קען זיי נישט מוחל זיין.

דער בני יששכר איז מסביר אז תשובה ביי גויים העלפט נאָר אויף א 'שוגג'. דאס איז טאקע דער טעם פארוואס מיר געפינען אין דער **גמרא** אין מנחות (עג, ב) און אין נאך פלעצער, אז מען מקבל קרבנות פון אומות העולם נאָר אויף א שוגג, אבער אויף א מזיד קענען זיי נישט תשובה טון, ווייל "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול". דער הייליגער בני יששכר זאגט ווייטער, אז **אפילו ווען א גוי טוט שוין יא תשובה, טוט ער עס נישט מיט זיין גאנצע הארץ**, און דער ענין פון 'תשובה מאהבה' וואס מאכט 'זדונות כזכיות', עקזיסטירט זיכער נישט ביי א גוי, ווייל א גוי האט א דין פון אַן 'עבד'.

מה שאין כן, זאגט דער הייליגער בני יששכר, ביי אידישע קינדערלעך איז דא סיי 'תשובה מיראה' און סיי 'תשובה מאהבה', ווייל מיר טוען תשובה אלס

'קינדער' פונעם אייבערשטן. **ביי אונז העלפט תשובה סיי אויף א שוגג און סיי אויף א מזיד, ווייל מיר זענען די קינדער פונעם באשעפער און מיר טוען תשובה מיט אונזער גאנצע הארץ.**

און אויב מען וועט פרעגן: די גמרא זאגט דאך "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול"? איז דער תירוץ, אז **ביי אונז איז דער רבוש"ע כביכול אויך א 'טאטע'**, ווי עס שטייט (דברים יד, א) "בָּנִים אַתֶּם לה' אֱלֹקֵיכֶם". ער ברענגט אראפ דעם פסוק אין ישעיה (מו, ג) "הָעֲמֻסִים מִנִּי בֶטֶן", און די **גמרא** זאגט אין קידושין (לב, א) אז "אב שמחל על כבודו - כבודו מחול". ממילא, לאמיר יעצט צוריקגיין צום מדרש און מיר וועלן עס פארשטיין.

## די תשובה פונעם רבוש"ע אידישע קינדער: "אב שמחל על כבודו - כבודו מחול"

אידישע קינדער האבן געטון תשובה ראש השנה. די שאלה איז נאָר צי זייער תשובה איז נתקבל געווארן. דער תירוץ איז: לאמיר קודם זען ווי אזוי זיי זענען מכתיר און קרוינען דעם קעניג. אידישע קינדער זאגן "ומלכותו ברצון קבלו עליהם" - מיר ווילן אז דער אייבערשטער זאל זיין אונזער קעניג. דאס ווייזט אז אידישע קינדער זענען די קינדערלעך פונעם אייבערשטן. דורך דעם וואס מיר נעמען אָן זיין מלכות מיט ליבשאפט, מיט געגועים און מיט השתוקקות, ווייזן מיר ארויס די אהבה פון א קינד צום טאטן, און מיט דעם קרוינען מיר דעם באשעפער אלס קעניג.

זאגט דער רבוש"ע: **אז דו ווייזסט ארויס אזא אהבה פון א קינד צו א טאטע, דעמאלטס איז "אב שמחל על כבודו - כבודו מחול", און דער רבוש"ע שרייבט אונז אָן פאר א גוט יאר.**

די גוים אבער, ווילן נישט דעם אייבערשטן אלס קעניג און זיי זענען נישט אינטערעסירט אין כבוד המלוכה, דערמיט ווייזן זיי אז זיי זענען נישט קיין בנים נאָר עבדים, און אפשר אפילו דאס אויך נישט. ממילא העלפט ביי זיי נישט קיין תשובה, און דער רבוש"ע זאגט זיי אז ביי ענק ווערט די תשובה נישט אנגענומען.

## די סגולה פון ד' מינים: אָן קיין שַׂר ומזל

ווען עס קומט דער יו"ט סוכות, ערוועקט זיך א מורא'דיגע מלחמה. די גוים זענען שטארק מקנא די אידישע קינדערלעך. פארוואס? ווייל אידישע קינדער האבן געקרוינט דעם אייבערשטן אלס קעניג, און יעצט האבן מיר 'פראטעקציע'... די גוים זעען ווי ביי אידישע קינדער איז די תשובה אנגענומען געווארן ביז אזא מצב אז די עבירה ווערט נמחק! און נאך מער - די זדונות ווערן פאררעכנט ווי זכיות! זיי זעען אז מיר האבן א מורא'דיגע 'פראטעקצי'ע ביי דער מלוכה, און מיר ווערן געשפייזט פונעם טיש פון מלך מלכי המלכים הקב"ה.

אבער די גוים זעען אז זיי זענען בלויז אין א בחינה פון אַן עבד, זיי האבן נישט קיין 'פראטעקציע' און מען נעמט נישט אָן זייער תשובה. דא פאנגט זיך אָן א מורא'דיגע קנאה, און די גוים הייבן זיך אָן צו רייצן מיט די אידן.

דערפאַר, ווען סוכות קומט אָן, **נעמען די אידן די ד' מינים און ווייזן דערמיט אז מיר האבן געוואונען!**

ווי אזוי זעט מען דאס אין די ד' מינים?

דער הייליגער בני יששכר זאגט א הפלא'דיגע זאך אין די מאמרים פון חודש תשרי (מאמר י"א אות ח'), וואו ער ברענגט אראפ אז די ארבעה מינים זענען די איינציגסטע פיר זאכן וואס וואקסן אָן צו האבן א שַׂר אויבן אין הימל. זיי וואקסן כביכול נאָר ווייל דער אייבערשטער אליין זאגט "גַדֵל", אז זיי זאלן וואקסן.

דער מקור פונעם בני יששכר איז פונעם רמ"ע מפאנו (מאמר ג' חלק ב'), וואס זאגט אזוי: עס איז דא א מסורה **אז "אין שר ומזל שולט על ד' מינים הללו, אלא הקב"ה בכבודו ובעצמו"**. דאס זעלבע שטייט אין **'סדר היום'** פון די גורי האר"י ביי כוונת לולב: **"עוד שמעתי כי לכל אילן ואילן או עשב או ירק יש שר שולט עליו ואומר לו גדל"**. דאס איז דער טייטש פון דעם **מדרש** אין בראשית רבה (פרשה י'), אז יעדע זאך וואס וואקסט האט דער אייבערשטער געשטעלט א מזל ברקיע, א מלאך אדער א שַׂר, וואס **"מכה אותו ואומר לו גדל"**.

זאגט ווייטער דער סדר היום: **"וארבעה מינים אלו לא השליטם הקדוש ברוך הוא ביד שר ושולט, אלא נאָר כביכול מכחו מהשגחתו הפרטית הם גדלים"**. זיי וואקסן כביכול בחצר המלך. דער אייבערשטער זאגט אז דאס איז נישט אונטער קיין שום שַׂר ומזל.

**"ולזה צוה לנו לקחת אלו ד' מינים מיוחדים לו בחג"** - דאס איז דער טעם פארוואס מען נעמט די ד' מינים יו"ט, זאגט דער סדר היום, **"להראות לכל"** - כדי צו ווייזן פאר אלע פעלקער - **"שעם ה' אלה"**, אז מיר באלאנגען צום אייבערשטן, "בנים אתם לה' אלקיכם", **"והנה הנם בידו שאין להם פחד ואימה משום בריה בעולם"**. מיר האבן נישט מורא פאר קיינעם, מיר זענען נישט אונטער קיין שר ומזל, נאָר מיר געפינען זיך ביים אייבערשטן אליין.

זאגט ווייטער דער סדר היום: **"ואפילו לס"מ אין לו כח לשלוח יד בהם, אחר שהם מצוינים ומסומנים**

**בסומן של מלך**". אז מיר נעמען די ד' מינים, ווייזן מיר אז מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטן. דעמאלטס האט דער ס"מ א מורא'דיגן פחד און ער וויל זיך נישט אנפאנגען מיט'ן בן מלך.

## "ולקחתם לכם" – מיר ווייזן "דידן נצח!"

דער הייליגער **'מגלה עמוקות'** זי"ע אויף סוכות זאגט אזוי: **"לפי שד' מינים אלו אינם תחת שום שר, רק מהקדוש ברוך הוא בעצמו"**. ער זאגט ווייטער: **"וכן ישראל, חלק ה' עמו"** – מיר זענען א חלק פונעם אייבערשטן און מיר זענען נישט אונטער קיין שׂר ומזל. זאגט דער הייליגער מגלה עמוקות, אז דאס איז דער פשט אין פסוק (ויקרא כג, מ) "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן...". וואס מיינט דאס ווארט 'לָכֶם'? זאגט דער מגלה עמוקות: **"לעצמיכם, במה שאתם לוקחים ד' מינים אלו פרי עץ הדר"** – נעמט עס פאר ענק אליין, ווייל דאס זענט איר. די ד' מינים ווייזן אז איר זענט אנדערש פון די אומות העולם.

ער זאגט ווייטער, אז דאס איז דער פשט פון "וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים". לכאורה דארף מען פארשטיין: **וואס איז אזוי באזונדער ביי די ד' מינים אז עס שטייט דארט "ושמחתם לפני ה' אלקיכם" מער ווי ביי אלע אנדערע ימים טובים?**

מיר ווייסן דאך אז דער **רמב"ם** זאגט אז די מצוה פון 'שמחה' איז ביי אלע ימים טובים. דער רמב"ם לייגט טאקע צו אז **ביי סוכות איז עס שטערקער**, ווייל דא שטייט קלאר אין פסוק "ושמחתם לפני ה' אלקיכם". שטעלט זיך די קשיא: פארוואס טאקע איז סוכות אנדערש?

זאגט דער מגלה עמוקות, אז וויבאלד דער פסוק רעדט ביי די ד' מינים, און **די ד' מינים ווערן משגיח געווען דירעקט דורכן אייבערשטן אליין, ממילא איז נאָר דארט שייך צו זאגן "ושמחתם לפני ה' אלקיכם", ווייל די ד' מינים סימבאליזירן א שמחה וואס באלאנגט נאָר צו אונז, ווען דער אייבערשטער קוקט אויף אונז דירעקט אָן קיין שום שׂר ומזל אינדערמיט.**

דער הייליגער מגלה עמוקות זאגט בזה הלשון: **"כי ד' מינים אלו הם לפני ה' ולא לפני שום שַׂר"**. אויב אזוי, ווען מיר גייען נעמען די ד' מינים, וואס דאס ווייזט אז מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטן, ווייזן מיר דערמיט אז אונזער תשובה איז אנגענומען געווארן, אז מיר זענען דעם אייבערשטנס קינדערלעך, און אז דער אייבערשטער איז מלך – דידן נצח! מיר האבן מנצח געווען די אומות העולם און געוויזן אז דער רבוש"ע איז נישט בלויז א 'מושל', נאָר "ומלכותו בכל משלה" – דער רבוש"ע איז א 'מלך'.

## ד' מינים אלס דער "שרביטו של מלך"

מיר וועלן נאך ברענגען דעם לשון פונעם הייליגן בני יששכר אין מאמר חודש תשרי (מאמר י', צלא דמהימנותא).

דער הייליגער בני יששכר זאגט דארט אזוי: עס איז דא א הלכה אז "מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול" – א קעניג קען נישט מוחל זיין אויף זיין כבוד. זאגט ער, אז ממילא העלפט נישט די מצוה פון תשובה פאר די גוים. אבער, זאגט דער הייליגער בני יששכר, **"מה שאין כן ישראל נקראו בנים"** – אידן ווערן אנגערופן קינדער, אזוי ווי עס שטייט "בנים אתם לה' אלקיכם", און מיר זענען אמת'ע 'בני בטן' און דער אייבערשטער ווערט אנגערופן אונזער 'טאטע', אזוי ווי עס שטייט "אתה ה' אבינו". און ביי א טאטע, אפילו ער איז א מלך, "אף שמחל על כבודו כבודו מחול".

זאגט ווייטער דער בני יששכר: **"וכדי להוכיח לכל באי עולם שנתקבלו תשובתינו"** – כדי מגלה צו זיין פאר די גאנצע וועלט אז מיר זענען דעם אייבערשטנ'ס קינדערלעך און מיר האבן אים געקרוינט אלס מלך ברצון ובאהבה, און אז דער אייבערשטער איז אונזער טאטע, האט אונז דער אייבערשטער באפוילן גלייך נאך די ימי תשובה צו נעמען די ד' מינים אינעם הייליגן יו"ט סוכות. **אויף די ד' מינים האט קיין שום שר נישט קיין שליטה, "רק כביכול השם יתברך בעצמו".**

אויב אזוי, זאגט דער בני יששכר, **ווערן די ד' מינים אנגערופן 'שרביטו של מלך' – דעם קעניג'ס שרביט הזהב! אויב דאס איז דער שרביטו של מלך, קען דאס נאָר א קינד פונעם קעניג נעמען... אבער אַן עבד וואס נעמט דעם שרביטו של מלך, ווערט פארעכנט אלס א 'מורד במלכות'.**

זאגט ווייטער דער בני יששכר: **"וזה הוראה שאנחנו נקראים בנים והשם יתברך נקרא אב"**. אבער די גוים, וואס ווערן אנגערופן 'עבדים', אויף זיי זאגט די **גמרא** אין סנהדרין (כב, ב) **"אסור להשתמש בשרביטו של מלך"**. זאגט ווייטער דער בני יששכר, **"מידי אנחנו משתמשין בשרביטו של מלך"**, אז אונז זענען מיר זיך משתמש בשרביטו של מלך, **"הוראה ועדות היא שאנחנו בנים והוא יתברך שמו אבינו, ונתקבלו תשובתינו כי אף שמחל על כבודו כבודו מחול"**.

דער הייליגער בני יששכר זאגט, אז דעם יסוד שטייט "מפי הרב הגדול מורינו **החיד"א** ז"ל, בטעם הד' מינים".

לויט די ווערטער פונעם בני יששכר און דעם חיד"א פארשטייט מען זייער גוט דעם **מדרש** אין ויקרא רבה וואס מיר האבן פריער געברענגט:

**"פְּרִי עֵץ הָדָר"** - דאס איז דער אייבערשטער, אויף וועמען עס שטייט (תהלים קד, א) **"הוֹד וְהָדָר לָבָשְׁתָּ"**.

**"כַּפֹּת תְּמָרִים"** - דאס איז דער אייבערשטער, ווי עס שטייט (שם צב, יג) **"צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח"**.

**"וַעֲנַף עֵץ עָבֹת"** - דאס איז דער אייבערשטער, ווי עס שטייט (זכרי' א, ח) **"וְהוּא עֹמֵד בֵּין הַהֲדַסִּים"**.

**"עַרְבֵי־נָחַל"** - דאס איז דער אייבערשטער ווי עס שטייט (תהלים סח, ה) **"סֹלּוּ לָרֹכֵב בָּעֲרָבוֹת בְּיָהּ שְׁמוֹ"**.

עס שטייט דאך קלאָר אין מדרש אז די ד' מינים זענען מרמז אויפ'ן אייבערשטן אליין. לויט דעם פארשטייט מען עס זייער גוט, ווייל די ד' מינים זענען נישט אונטער קיין שום שַׂר, נאָר כביכול דער אייבערשטער אליין היט זיי אפ, עס איז דער 'שרביטו של מלך', און ווען מיר נעמען די ד' מינים, האלטן מיר דעם קעניג'ס שרביטו של מלך. דער מדרש זאגט אונז אז מיר האלטן יעצט כביכול דעם אייבערשטן אליין.

דער הייליגער ספר **'רביד הזהב'** ברענגט, **"שמעתי מפה אדמו"ר הקדוש בעל זרע קודש מראפשיץ זי"ע"**, אז די ארבעה מינים זענען אנטקעגן דעם שם הוי"ה ברוך הוא. דער ראפשיצער רב האט געזאגט: **"לוקח האדם בידו ועושה בו כרצונו"** - א אידיש קינד נעמט די ד' מינים, וואס זענען די ד' אותיות הוי"ה, אין זיין האנט און ער טוט דערמיט וואס ער וויל.

וואס מיינט דאס?

דער רבוש"ע זאגט כביכול פאר יעדן איד: **זאלסט וויסן, אז ווען דו נעמסט די ד' מינים, נעמסטו יעצט כביכול דעם אייבערשטן אין דיין האנט!** דו נעמסט די ד' אותיות פון שם הוי"ה, דו נעמסט די ד' מינים וואס דער אייבערשטער אליין איז אויף זיי משגיח, דו נעמסט דעם 'שרביטו של מלך'.

דער ראפשיצער רב האט דאס געזאגט כדי מיר זאלן כאפן אז **די אלע זאכן וואס מיר האבן געברענגט פונעם מדרש און פון די ראשונים, זענען נישט בלויז א רמז, נאָר דאס פאסירט ממש אין דערווירקלעכקייט!**

## התבוננות אויף 'למעשה'

ווען א מענטש טראכט אריין אינעם שְׂכַר המצוה, אזוי ווי דער הייליגער 'באר מים חיים' איז מסביר, הייבן מיר אָן צו פארשטיין וואס עס טוט זיך אפ ווען מיר נעמען די ד' מינים. דעמאלט וועט א מענטש צוגיין צו די מצוה מיט אזא התלהבות, מיט אזא חשק און ברען, וויסנדיג: **"איך נעם דאך די ד' אותיות שם הוי"ה, איך האלט דעם שרביטו של מלך אין מיין האנט!"** אזוי ווי דער ראפשיצער רב זאגט, אז מיט'ן האבן דעם שרביטו של מלך און די ד' אותיות שם הוי"ה, קען א איד טון וואס ער וויל - דאס מיינט אז מיר קענען יעצט מכניע זיין די סטרא אחרא און מתקן זיין אלע שלעכטע מדות.

ווי באקאנט זאגט דער **מדרש**, אז דער **לולב** איז דומה צו די **שדרה**, די **הדסים** צו די **אויגן**, די **ערבה** צום **מויל**, און דער **אתרוג** צום **הארץ**. ווען מיר נעמען די ד' מינים און מיר שאקלען זיי, זענען מיר מכניע אלע שלעכטע מדות און מיר איבערגעבן אונזער גאנצע קומה צום הייליגן באשעפער, פירנדיג א מלחמה קעגן די שלעכטע כוחות. דאס איז דער פשט פון וואס די **גמרא** (קידושין פא, א) זאגט **"גירא בעיני דסיטנא" - ווייל אז איך האב דעם שרביטו של מלך און די ד' אותיות שם הוי"ה, ווייז איך פאר'ן ס"מ אז איך בין א בן מלך.**

דער הייליגער 'סדר היום' זאגט, אז **ווען דער ס"מ זעט דעם שרביטו של מלך אין אונזער האנט, האט ער מורא און ער אנטלויפט, און אזוי קענען מיר מכניע זיין אלע שָׂרִים פון די פיר זייטן פונעם וועלט.**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך מתבונן צו זיין אין די אלע מאמרי חז"ל און אין די ווערטער פון די צדיקים, כדי מיר זאלן צוגיין צו די ד' מינים מיט א ריכטיגע התלהבות און השתוקקות. ווי מיר האבן שוין געשמועסט, איז דאס אלעס נאָר כדי אונז אביסל עפענען די אויגן, דעם מוח און דאס הארץ, צו פארשטיין כאטש אַן 'אפס קצהו' וואס א מצוה באדייט.

און זיכער וועט דער שכר בעולם הזה ובעולם הבא, די גאנצע שפע און די המתקת הדינים וואס ווערן געפועל'ט דורך די ד' מינים - ווי עס ווערט ארומגערעדט אין חז"ל און אין אלע ספרים הקדושים - אונז צוגעבן א מורא'דיגן חשקת המצוה, און מיר זאלן אויספועל'ן אלעס גוט און האבן א לעכטיגע קוויטל, אמן!

# דער סוד פון טאנצן ביי אידן - מען שפרינגט!

### "ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים"

מיר געפינען ביי דעם יו"ט סוכות במיוחד די מצוה פון צו זיין בשמחה.

אין די תורה הקדושה שטייט (ויקרא כג, מ) "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן...", און ס'שטייט ווייטער אין פסוק: "וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים". דער הייליגער **רמב"ם** לערנט ארויס אז די גאנצע שמחה וואס איז געווען ביי שמחת בית השואבה איז בעצם מצד די כלליות'דיגע מצוה פון "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ" (דברים טז, יד), אז מען דארף זיין פרייליך יו"ט.

נאָר דער הייליגער רמב"ם פרעגט א קשיא: וואס עפעס איז יו"ט סוכות אזוי באזונדער, אז מיר טרעפן אז די לויים האבן געשפילט און ווער עס האט נאָר געקענט מוסיף זיין מיט כלי זמר האט געשפילט, און מיר טרעפן אז "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין לפניהם"? אויב, ווי דער רמב"ם זאגט, איז דאס א מצוה וואס איז נוגע יעדן יו"ט, **פארוואס טאקע האט מען ביי יו"ט סוכות ספעציעל געמאכט שמחת בית השואבה?**

זאגט דער רמב"ם אין הלכות לולב (וואס איז איינס מיט הלכות שופר וסוכה) אין פרק ח' הלכה י"ב: **"אף על פי שכל המועדות מצוה לשמוח בהם"**, אלע ימים טובים דארף מען זיין פרייליך, **"אבל בחג הסוכות היתה שם במקדש שמחה יתירה"**, ביי חג הסוכות איז געווען א שמחה יתירה, **"שנאמר"**, ווי עס שטייט אין פסוק: **"ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים"**, אז מען זאל זיך פרייען פאר'ן אייבערשטן זיבן טעג.

### פארוואס איז יו"ט סוכות מער באזונדער מיט שמחה?

לכאורה דארף מען פארשטיין: **וואס איז טאקע דער פשט? פארוואס איז יו"ט סוכות מער באזונדער מיט א מצוה פון שמחה ווי אלע אנדערע ימים טובים?**

מיר זעען אז די גמרא האט מייחד געווען א גאנצן פרק דערויף, און אין די משנה שטייט: **"מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו"**.

דער הסבר דערפון געפינען מיר אינעם הייליגן **'אלשיך הקדוש'** וואס זאגט: כל זמן א מענטש טוט עבירות, נעמען די קליפות צו די גאנצע שפע פון די תורה, מצוות און תפילות וואס דארפן אראפברענגען א געוואלדיגע השפעה פאר דעם מענטש. זיי גנב'ענען דאס צו, און מיר דארפן מקיים זיין די מצוה פון השבת אבידה. "וְשָׁבִיתָ שִׁבְיוֹ" (דברים כא י), - מיר דארפן צוריקנעמען פון געפענגעניש די אלע מיליאנען און די גאנצע שפע רב וואס די סטרא אחרא האט צוגענומען פון אונזערע מצוות, סיי דעם רוחניות'דיגן שכר און סיי דעם גשמיות'דיגן שכר.

קומט אויס אז יום כיפור, ווען מיר האבן געטון תשובה און מיר זענען נתרצה געווארן ביים רבונו של עולם, באקומען מיר צוריק די גאנצע שפע. און **דערפאר הייסט דער יו"ט סוכות 'חג האסיף', ווייל אלעס קומט צוריק. דאס איז דאך געוואלדיג, און אוודאי איז מען פרייליך.**

ועל כולם, מיר ווייסן אז ווען א איד טוט אַן עבירה ווערן באשאפן קליפות ח"ו, און עס ווערט א 'מסך המבדיל'. דער מענטש שפירט נישט דעם קשר מיט'ן אייבערשטן, ער שפירט נישט קיין תענוג רוחני ביי תורה ומצוות, ער שפירט נישט קיין געשמאקייט ביים דאווענען, ביי התמדה, אדער אין א שבת קודש; און דאס אלעס איז ווייל ער האט געטון עבירות. ער איז געווארן א געפאנגענער צווישן די קליפות. זיי האבן געמאכט א מחיצה של ברזל צווישן אים און זיין טאטן אין הימל, און א מחיצה של ברזל צווישן זיין נשמה און אים אליין.

ווידער אמאל, ווען א מענטש טוט תשובה, צוברעכט ער דעם מחיצה של ברזל סיי אויבן אין הימל און סיי ביי זיך אין הארץ. און ווען מען צוברעכט דעם מחיצה, שפירט א מענטש ווי ער גייט ארויס מעבדות לחירות, מיגון לשמחה ומאבל ליו"ט. ער שפירט א גאולת מצרים, אז יעצט ב"ה וועט ער קענען שפירן א לערנען, א דאווענען, א שבת קודש און א מצוה; עס וועט אנהייבן ווערן לעבעדיג ביי אים. דאס איז דער געוואלדיגער "זמן שמחתינו".

ביסודו איז דאס א **מדרש**. דער מדרש זאגט אז דער טעם

פאַרוואָס מיר זענען בשמחה דעם הייליגן יו"ט סוכות איז, ווייל כלל ישראל איז אַרויס מיט אַ זיג. דער לשון המדרש אין מדרש תהלים און אין נאָך פלעצער זאָגט: "**אבל בחג לפי שנטלו הנפשות דימוס שלהם ביום הכיפורים**", מיר זענען אַרויס לחירות, "**כמו שכתוב כי ביום הזה יכפר עליכם, ועוד שהתבואה ופירות האילן בפנים**", מיר זענען געבענטשט מיט אַ גוטע שפע און אַלע גוטע פירות, "**לפיכך כתיב שם שלוש שמחות**", דריי מאָל שטייט שמחה: "**שנאמר ושמחת בחגך, ושמחתם לפני ה' אלקיכם, והיית אך שמח**". קומט אויס אַז דער מקור הדברים פונעם אלשיך הקדוש שטייט שוין בעצם אין מדרש.

דער הייליגער '**קדושת לוי**' זי"ע מיט'ן הייליגן '**חתם סופר**' זי"ע גייען אויך אין דעם מהלך, אַז די געוואַלדיגע שמחה אין יו"ט סוכות איז צוליב די מחילת עוונות. זיי לייגן נאָך צו דעם באַקאַנטן יסוד, אַז ביי יו"ט סוכות איז 'ראשון לחשבון עוונות', און 'זדונות נהפך לזכיות'. דאָס טייטש: **יום כיפור איז נאָר געוואָרן 'זדונות כשגגות', אָבער יעצט יו"ט סוכות ווערן די זדונות גערעכנט ווי זכיות, ממילא איז עס אַ געוואַלדיגע שמחה.**

לויט דעם וואָס מיר האָבן יעצט געשמועסט, אַז עס איז אַ געוואַלדיגע שמחה צוליב מחילת עוונות, פאַרשטייט מען זייער גוט דעם רמב"ם. **הגם אין אַלע אַנדערע ימים טובים איז דאָ אַ מצוה לשמוח, איז עס אָבער ספּעציעל ביי יו"ט סוכות, ווייל מען האָט מוחל געווען אַלע עבירות אינעם יום הקדוש, און יעצט ברוך השם קומט צוריק די גאַנצע שפע.**

## דער סוד און ביאור פון ריקודים לויט'ן 'חתם סופר'

לכאורה, וואָס איז דער באַזונדערער ענין וואָס מיר טרעפן ביי שמחת בית השואבה, אַז "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדים לפניהם"? וואָס איז געווען דער ענין פון די רקידה?

עס איז דאָ אַ ספר פון אַ תלמיד פונעם חתם סופר, שו"ת '**מחולת מחנים**', וואָס ברענגט בשם זיין רבי'ן, דער הייליגער חתם סופר, אַ דבר נפלא מאוד לגבי דעם ענין פון ריקודים.

דער הייליגער חתם סופר איז מסביר: וואָס איז דער ביאור אַז אַ מענטש טאַנצט ווען ער איז בשמחה? זאָגט ער אַז דער סוד הדברים איז אַזוי: מיר ווייסן אַז חז"ל זאָגן אונז אויפ'ן פסוק "כל הנשמה תהלל קה", אַז "על כל נשימה ונשימה תהלל קה" - אויף יעדן אָטעם דאַרף מען לויבן דעם אייבערשטן. און דער מדרש זאָגט אַז בעצם ווייל די נשמה אַרויסגיין פון דעם מענטש יעדע סעקונדע, אָבער נאָכדעם גייט זי צוריק.

דער פשט איז, ווי די מפרשים זענען מבאר, אַז די נשמה ווייל בעצם צוריק אַרויפגיין צו איר שורש, אָבער ווען זי זעט אַז דאָ אויף דער וועלט קען זי מאַכן אַ נחת רוח און לויבן דעם אייבערשטן, בלייבט זי. די שירה וואָס מיר זינגען דאָ איז פיל חשוב'ער ווי די שירה פון די מלאכים, ווייל די מלאכים קענען נישט אָנהייבן זאָגן שירה ביז מיר זאָגן שירה, ווי מיר זאָגן "כתר יתנו לך המוני מעלה עם עמך ישראל קבוצה מטה". **נאָר דורך דעם וואָס אידישע קינדער דאָ אונטן זאָגן שירה, ערשט דעמאָלטס קענען די מלאכים לויבן, ממילא קומט די נשמה צוריק.**

עכ"פ, זאָגט דער הייליגער חתם סופר, לאָמיר יעצט גיין צום ענין פון ריקודים. דער ענין פון ריקודים איז אַז די נשמה פון אַ מענטש ווייל זיך אָפּטיילן פון דעם גשמיות'דיגן עפר, און דעריבער גיט ער אַ טאַנץ אין די לופט. ער ווייל זיך אויפהייבן און זיך מנתק זיין פון דעם "עפר אתה ולעפר תשוב", וואָס ווייזט אויף כליון און מיתה, ווייל נאָך הונדערט און צוואַנציג יאָר לייגט מען דעם גוף אַריין אין דער ערד. **די נשמה ווייל אַז דער מענטש זאָל געבן אַ טאַנץ און אַרויפגיין העכער און העכער. זאָגט דער הייליגער חתם סופר: עס האַלט נאָר אין אַפּאַר רגעים, ווייל גלייך נאָכדעם ציט דער גוף די נשמה צוריק אַראָפּ.**

דאָס איז דער סוד פון אַ ריקוד: ווען אַ מענטש'ס נשמה שטאַרקט זיך און עס בויט זיך אויף אַ מורא'דיגע התלהבות צום אייבערשטן, ברענט עס אויף אַזאַ אופן אַז די נשמה שלעפּט מיט דעם גוף בעל כרחו זיך מנתק צו זיין פון דער ערד, און ער גיט אַ טאַנץ אין די לופט, ווייל די נשמה קען נישט פאַרטראָגן צו זיין צוגעבונדן צום עפר. אָבער זאָגט דער הייליגער חתם סופר, מען קען נישט צו לאַנג בלייבן אין די לופט, ווייל סוף כל סוף האָט דער אייבערשטער אַזוי געמאַכט אַז די 'נשמת חיים' זאָל אַריינגיין אינעם גוף האדם וואָס איז באַשאַפן געוואָרן 'עפר מן האדמה', און דאָס ציט די נשמה צוריק.

## די ספּעציעלע מדריגה פון טאַנצן ביי שמחת בית השואבה

אָבער דער הייליגער חתם סופר זאָגט, אַז ביי שמחת בית השואבה, וואו מ'האָט געשעפּט רוח הקודש, האָבן די הייליגע תנאים און אמוראים געמאַכט ריקודים אויף אַן אופן אַז מ'איז געבליבן אַסאַך

לענגער אין די לופט.

דער הייליגער רמב"ם זאגט אויף דעם "חסידים ואנשי מעשה היו מרקדין לפניהם", אז נאָר די גדולי הדור פלעגן טאנצן. דער ביאור הענין איז, **ווייל ביי די ריקודים פון שמחת בית השואבה איז מען געבליבן לענגער אין די לופט**. זאגט דער הייליגער חתם סופר, אז די סיבה פארוואס מ'איז געבליבן מער אין די לופט איז געווען צוליב א מורא'דיגע התגלות פון די נשמה, דעמאלטס האט מען געקענט בלייבן מער אין די לופט. דאס איז געווען ספעציעל ביי די ריקודים פון שמחת בית השואבה.

לאמיר יעצט צוריקגיין צום רמב"ם און פארשטיין מורא'דיג וואס דער רמב"ם זאגט. דער רמב"ם זאגט אז יו"ט סוכות במיוחד האט מען זיך געפרייט. האבן מיר געפרעגט א שאלה: יעדן יו"ט דארף מען זיך פרייען, וואס איז אזוי ספעציעל יו"ט סוכות?

אבער מיר קענען עס פארשטיין, **ווייל יו"ט סוכות איז א צייט פון מחילת עוונות. אז עס איז דא מחילת עוונות, קומט אויס אז דער גוף פונעם מענטש איז מער מזוכך. און אז דער גוף איז מער מזוכך, קען דער מענטש זיך מער פרייען.** פארוואס? **ווייל שמחה רוהט דארט וואו עס איז דא השראת השכינה. דערפאר האט מען זיך יו"ט סוכות, נאך מחילת עוונות, ספעציעל געפרייט.**

מ'האט געטאנצן דוקא ביי שמחת בית השואבה, ווייל ווי דער איז חתם סופר מסביר, איז דער גאנצער ענין פון א ריקוד ווען די נשמה שטארקט זיך איבערן גוף, און דאס איז דוקא געווען נאך יום כיפור. **נאך יום כיפור, ווען מ'האט שוין געהאט מחילת עוונות, האט די נשמה געהאט א פיל גרעסערן כח זיך מתגבר צו זיין אויפן גוף, און דעמאלטס האט מען געטאנצן.**

זאגט דער רמב"ם, אז דאס איז געווען געמאכט דוקא פאר די גדולי הדור. ווייל ווי מיר האבן שוין געשמועסט, זאגט דער חתם סופר אז דער ריקוד ביי שמחת בית השואבה איז געווען אן אינטערעסאנטער ריקוד וואס איז נישט פארגעקומען א גאנץ יאר, מ'איז געבליבן מער אין די לופט. זאגט דער הייליגער רמב"ם, אז כדי צו בלייבן לענגער אין די לופט, האט א פשוט'ער מענטש נישט געקענט טאנצן. אדרבה, ער האט זיך געשעמט.

פארוואס?

ווייל וויבאלד ער האט געהאט עבירות, האט ער געגעבן א טאנץ און איז גלייך צוריק אראפגעקומען. נאָר די גדולי הדור, נאָר די חסידים ואנשי מעשה, זיי האבן געקענט טאנצן, ווייל ווען זיי האבן געטאנצן זענען זיי געבליבן אין די לופט.

קומט אויס אז דער ריקוד איז געווען אן אבן בוחן, א סימן צי דו ביסט א גרויסער מענטש צי נישט. **איינער וואס האט זיך אריינגעשטופט און געוואלט נעמען כבוד, זיך מתיימר זיין אז ער איז א צדיק און האט אנגעהויבן טאנצן, האט געכאפט גרויסע בזיונות, ווייל ער האט נישט געקענט לאנג בלייבן אין די לופט...** נאָר די הייליגע תנאים און אמוראים, נאָר די גדולי הדור, חסידים ואנשי מעשה - וואס נאך מחילת עוונות פון יום הקדוש, און בכלל וויבאלד זייער נשמה איז געווען אויף א הויכע מדריגה - האבן זייערע נשמות מוכיח געווען און געוויזן פאר גאנץ כלל ישראל די געוואלדיגע גרויסקייט פון זיין א צדיק, ווייל מ'האט געזען וויאזוי זיי בלייבן אין די לופט.

**און דאס איז גאנץ כלל ישראל געגאנגען זען:** די געוואלדיגע שמחה פון שמחת בית השואבה, דעם וואונדערליכן פלא אז מ'האט געקענט זיין אין די לופט לענגער ווי געווענליך. דאס איז געווען דער געוואלדיגער ריקוד ביי שמחת בית השואבה.

## די מלחמה צווישן די נשמה און דעם גוף ביים שפרינגען

האב איך געזען א דבר פלא אין ספר '**מפענח נעלמים**' פונעם קערעצקיער רב זי"ע, וועלכער איז געווען אַן איידעם ביים 'קדושת יו"ט' זי"ע. ער זאגט דארט א דבר פלא.

ער ברענגט אראפ דעם זעלבן יסוד וואס מיר האבן יעצט געזאגט פונעם הייליגן חתם סופר, און ער שרייבט אז ער האט עס געטראפן אין די כתבים פונעם הייליגן **רבי ר' מענדלע** פון **פרעמישלאן** זי"ע, וואס איז כידוע געווען א תלמיד פונעם הייליגן אור שבעת הימים, דער בעל שם טוב הקדוש. ער ליגט אין טבריא אין חלקת תלמידי הבעש"ט, לעבן דעם הייליגן רבי נחמן האראדענקער, לעבן דעם הייליגן רבי ר' מענדלע וויטעבסקער, לעבן דעם הייליגן קאליסקער און נאך תלמידי בעל שם טוב.

ער ברענגט דארט אראפ דעם זעלבן יסוד וואס מיר האבן נאכגעזאגט פונעם חתם סופר, בשם דער הייליגער רבי **ר' מענדלע** פון **פרעמישלאן** זי"ע, וז"ל: "**דע כי הנשמה אשר חוצבה משמי מרום עליון וחלק אלקי ממעל, היא מושכת תמיד למעלה למקום שרשה העליון**" - די נשמה פון א מענטש וויל אייביג צוריקגיין ארויף אין הימל - "**והגוף אשר מעפר יסודו ומקור מחצבתו עפר מן האדמה, מושך תמיד למקורו למטה לארץ**".

דאס טייטש, דער גוף וויל זיך אייביג מקשר זיין צו דער ערד. אבער, זאגט דער הייליגער רבי ר' מענדלע, פון פרימישלאן, "**בעת דודים**", ווען א איד איז 'בעידן שמחתא', ווען די "**נפש הישראל תתלהב לעבודת הבורא, יגדל ויתרבה חשקה עם אהבתה של הנשמה לעוף לשמי רום, לשוב אל בית אביה מקור מקומה טהור**". וויל די נשמה יעצט צוריקגיין צום אייבערשטן. "**ולולא הגוף הגשמי אשר הוא מכביד עליה, ווען נישט דער גוף הגשמי שהוא מקושר עמה**", וואלט ער געבליבן אין די לופט ביים טאנצן.

"**ויש לו תנועה הפוכה ונמשך אל הארץ**". דער גוף האט א תנועה הפוכה און שלעפט אראפ צו דער ערד. זאגט ער ווייטער, ווען נישט דער גוף, "**לא היה לנפש שום מניעה ועיכוב לעוף למעלה**". ווען נישט דער הגשמי עפר פונעם מענטש, וואלט די נשמה גענומען דעם מענטש און געפלויגן מיט אים אין די לופט, עס וואלט נישט געווען קיין שום מניעה ועיכוב.

דערפאר, זאגט ווייטער רבי ר' מענדלע פרימישלאנער, "**על ידי המלחמת שני הכוחות ההפכים הללו**", דהיינו דער גוף און די נשמה - די נשמה וויל ארויף און דער גוף וויל אראפ - דורך דעם ווערט נתהווה דער ענין פון ריקודין. "**אשר האדם קופץ למעלה על ידי תנועת הנפש**", ווען א מענטש שפרינגט ארויף דורך די תנועה פון די נפש, אבער וחוזר ויורד למטה על ידי תנועת הגוף.

### דער חילוק צווישן א אידישע ריקוד און א גוי'אישע טאנץ

דער קערעצקיער רב ענדיגט דארט צו א געוואלדיגע זאך: ער זאגט אז מ'קען זען א חילוק צווישן דעם טאנץ פון א אידיש קינד און א גוי'אישן טאנץ. ווען א אידיש קינד טאנצט, הייבט ער זיך אויף אין די לופט. **אבער א גוי, זאגט ער, איז זיין פוס אייביג מקושר צו דער ערד**. ער מאכט תנועות, אבער ער הייבט זיך קיינמאל נישט אויף פון דער ערד. ער זאגט אז דאס איז דער גרעסטער מופת חותך אז א גוי האט נישט קיין נשמה, נאָר א אידיש קינד האט א נשמה, און דערפאר זענען די ריקודים פון א איד אויף אן אופן וואס ער הייבט זיך אויף פון דער ערד.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו טאנצן, זינגען און לויבן דעם אייבערשטן, "אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו". דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף די מחילת עוונות און אויף אלע חסדים, זינגען און טאנצן שמחת בית השואבה, און זוכה זיין צו א לעכטיג קוויטל און אויס'פועל'ן אלעס גוטס, אמן!

## סוכות אין טבריא של מעלה

# במחיצת פון די הייליגע סלאנימער חבריא, ובראשם הרה"ק רבי לעזשאַר זי"ע

### מבוא: טבריא של מעלה און די סלאנימער חבריא

מיר גייען יעצט אריין אין די געסעלעך פון טבריא של מעלה, און מיר וועלן פרובירן זיך אנצוווארעמען און נהנה זיין פונעם 'חנווני של בושם', פון די גדולי עולם און ענקי הרוח, די הייליגע סלאנימער חבריא. זיי זענען געווען גדולים בתורה, בנגלה ובנסתר ובכל התורה כולה, און בד בבד אויך בעבודה: בעבודת התפילה, בקיום המצוות, בכל דקדוקיה ופרטיה, לרבות דער פייער און די התלהבות הלב. ווי אויך אינעם עמוד העבודה וגמילות חסדים; דאס איז געווען א חבריא פון מלאכי אלוקים בדמות אדם.

בעזרת השם וועלן מיר פרובירן אביסל נהנה צו זיין פון דעם 'חנווני של בושם', כדי עס זאל נקלט ווערן אין אונז און אויפפלאקערן אונזער הארץ לעבודת השם.

### דער גרויסער עובד השם רבי לעזשאר

מיר גייען יעצט אביסל ארומשמועסן וואס עס האט זיך אפגעטון ביי די גרויסע עובדי השם. ווי מיר האבן שוין אסאך

מאל געשמועסט, זענען די חבריא נישט בלויז געווען חסידים אדער רבי'ס, נאָר זיי האבן געקענט זיין **"רבי'ס פון רבי'ס"**.

מיר גייען יעצט אריין אין טבריא של מעלה במחיצתו פון דעם גרויסן ענק הרוח, דער חסיד **רבי לעזשאַר** זי"ע.

כדי צו פארשטיין אביסל פון וועמען מיר רעדן דא: דער גרויסער ראש ישיבה, דער ענק שבענקים, דער ראש ישיבה פון בראנאוויטש (פון די סלאנימער ישיבה), הרה"ק **רבי משה מידנער** זי"ע, וואס ער איז געווען אן אייניקל פונעם **'יסוד העבודה'** זי"ע און איינער פון די גרעסטע גדולי הדור אין פוילן און אוקריינא פאר די צווייטע וועלט מלחמה.

(כידוע איז ער געווען א ידיד נאמן ואדוק צום גאון ישראל הקדוש **רבי אלחנן וואסערמאן** זי"ע הי"ד. עס איז ידוע ווי אזוי רבי אלחנן האט אים אזוי מורא'דיג מחשיב געווען, און פלעגט בארגן זיינע כתבים און חידושים. ווי אויך איז באקאנט וואס דער הייליגער **בריסקער רב** זי"ע האט געזאגט הגדרות נוראות אויף רבי משה מידנער. ער האט זיך אויסגעדריקט אז זיין טאטע, **רבי חיים בריסקער** זי"ע, האט ארויסגענומען א בלאט פון זיין געוואלדיגן חיבור אויפ'ן רמב"ם, ווייל בשעת ער האט עס איבערגעזאגט פאר רבי משה מידנער, האט ער געזען אז רבי משה איז נישט אזוי צופרידן פונעם חידוש).

רבי משה מידנער איז געווען נחשב ביי די חבריא ממש ווי א רבי, און ער האט זיך אויסגעדריקט א הגדרה אויף רבי לעזשאר, וואס דאס וועט אונז אריינפירן אינעם 'חנווני של בושם' פון דעם גרויסן צדיק.

עס איז ידוע אז ווען רבי לעזשאר האט געדאוונט איז ער געווען א לפיד אש, אבער נישט נאָר פאר זיך, נאָר 'על הכלל כולו יצא' - ער האט אנגעפלאקערט דעם גאנצן בית המדרש. אויף דעם האט רבי משה מידנער געזאגט א הגדרה, אז **"רבי לעזשאר איז דער הייליגער זולל וסובא"**.

דאס טייטש: **ווען ער האט געדאווענט האט ער געגעבן אזא מין הארה און הרגשה, אז מען האט געשפירט ווי איינער וואס איז ממש הונגעריג און דארשטיג אינמיטן א מדבר און האט שוין נישט געגעסן כמעט א וואך צייט, און יעצט ווען ער טרעפט אביסל עסן און טרינקען, נעמט ער עס בבחינת "זולל וסובא"**... אזוי פלעגט דער הייליגער רבי לעזשאר צוגיין צו יעדע תפילה ותפילה. דאס איז געווען די הגדרה פון רבי משה מידנער.

## זיין כח הניגון און די הפלגה פון גדולי הדור

דער גרויסער גאון ישראל, דער טבריא'ער רב, הרה"ק **רבי משה קליערס** זי"ע - וואס איז געווען נערץ ביי אלע גדולי הדור - איז באקאנט מיט דעם וואס **רבי יוסף צבי דושינסקי** זי"ע האט געזאגט ווען ער איז געווארן רב אין ירושלים, אז **ער האט עס נאָר אנגענומען אויפ'ן דעת אז עס איז דא רבי משה קליערס אין טבריא מיט וועמען ער וועט זיך קענען דורכשמועסן יעדע זאך**.

עס איז אויך ידוע אז דער **'לב שמחה'** פון **גור** זי"ע האט זיך אויסגעדריקט אז זיין טאטע, **דער 'אמרי אמת' זי"ע איז געווען א חסיד פון רבי משה קליערס**. אויך דער **סאטמארער רב** זי"ע האט אים מורא'דיג מפליא געווען און געזאגט געוואלדיגע דיבורים פון קרבה און הפלגות אויפ'ן טבריא'ער רב.

עכ"פ, האט רבי משה קליערס געזאגט, נאכדעם וואס רבי לעזשאר איז אוועק און מען האט מכבד געווען א צווייטן צו זינגען ביי שלש סעודות דעם זמר 'קה אכסוף' במקום רבי לעזשאר, האט זיך רבי משה קליערס אנגערופן:

**"ווען איך האב דאס ערשטע מאל מער נישט געהערט רבי לעזשאר זינגען 'קה אכסוף', איז מיר ממש טונקל געווארן פאר די אויגן!"** - דאס איז געווען די לשון פונעם טבריא'ער רב.

**רבי ישראל שמעון קאסטילאניץ** זי"ע דערציילט, אז ער האט אין שפעטערע יארן געטראפן זיין אלטן ידיד פון טבריא של מעלה. אין יענע צייטן אין טבריא איז מחד גיסא געווען א גרויסע חבורה פון ענקי הרוח - עס איז געווען דאס קארלינער שטיבל, דאס חב"ד'סקער שטיבל, ועוד - אבער מצד שני איז די 'השׂכלה' געווען שרעקליך.

איינער פון די חברים פון רבי ישראל שמעון האט ליידער געגליטשט און איז אפגעפארן קיין אמעריקע. יארן שפעטער האט אים רבי ישראל שמעון געטראפן און זיך געגומען שמועסן מיט אים. יענער האט אים געזאגט אז נישט קיין חילוק אין וואסערע מצב ער איז געווען, האט ער שבת שטענדיג געהיטן און מדקדק געווען בקלה כבחמורה.

האט אים רבי ישראל שמעון געפרעגט: "וואס איז די סיבה דערפאר?" האט ער אים געענטפערט: **"איך פארשטיי נישט, רבי ישראל שמעון, ווער עס האט אמאל געדאווענט שבת מיט רבי לעזשאר, ביי דעם איז אוממעגליך ער זאל פוגם זיין אין קדושת שבת?!."**..

מען דארף גוט צונעמען אזא מעשה: מען רעדט דא פון א יונגל, א בחור'ל, וואס האט קיינמאל נישט אויסגעטוישט קיין ווארט מיט רבי לעזשאר. רבי לעזשאר האט אים קיינמאל נישט מדריך געווען, און יענער איז געווען ווייט פון א בעל השגה, און איז נעבעך שפעטער געפארן קיין אמעריקע.

אבער **דער פייער פון רבי לעזשאר אום שבת קודש איז געווען אזא מין פייער, אז עס האט אים פשוט צוגענומען די בחירה!** נישט קיין חילוק אין וועלכע נידריגע מצב ער איז געווען, האט ער קיינמאל נישט געקענט מחלל שבת זיין. דאס איז געווען דער כח פון רבי לעזשאר.

## די געוואלדיגע עבודת התפילה

**רבי מאטל סלאנימער** זי"ע, וואס איז כידוע געווען 'גבורות שבקדושה' און א מורא'דיגע אש קודש, פלעגט זאגן הגדרות אויף צדיקים נאָר נאכדעם וואס עס איז שוין געווען מנופה בי"ג נפות. עס איז דא א מורא'דיגע מעשה איבער א הגדרה וואס רבי מאטל האט געזאגט. עס איז געווען אויף די עלטערע יארן ווען רבי מאטל איז שוין אוועקגעצויגן פון טבריא און געגאנגען וואוינען אין ירושלים.

הושענא רבה נאכן דאווענען - רבי מאטל האט געענדיגט פרי - איז ער געגאנגען מיט זיין באגלייטער צו איינע פון די גרעסטע גאוני וצדיקי הדור אין ירושלים עיר הקודש צו הערן זיין תפילה. בשעת ער איז דארט געווען ביים דאווענען, איז רבי מאטל ארויס פון די כלים, ביז ער האט פארגאסן טייכן טרערן.

אויפ'ן וועג אהיים האט ער נישט אויפגעהערט צו רעדן מיט גרויסע הפלגות איבער דעם צדיק. זיין באגלייטער, וואס איז געווען א פלאם-פייערדיגער סלאנימער חסיד, האט אים געפרעגט: "**אם כן, במה הנחת לרבי לעזשאר?**"

כידוע פלעגט רבי מאטל רעדן אויף רבי לעזשאר דברים נוראים. האט זיך רבי מאטל אנגערופן: **"ווי קומט דאס בכלל נאָנט צו א פשוט'ע 'השכיבנו' פון רבי לעזשאר אינמיטן א וואך? הלואי זאל איך האבן ביי כל נדרי אזא הרגשה!"**

און צומאל פלעגט רבי מאטל זאגן: "**הלואי זאל איך האבן ביי נעילה אזא הרגשה וואס רבי לעזשאר האט געהאט ווען ער האט געזאגט 'השכיבנו' ביי א וואכעדיגן דאווענען!**"

## דער פייער ביים דוכנ'ען און דביקות למעלה מן הטבע

יעצט לאמיר אריינגיין אין יו"ט סוכות, צו זען וואס עס האט זיך אפגעטון ביי רבי לעזשאר.

כידוע איז רבי לעזשאר געווען א כהן, פלעגט ער דוכנ'ען. רבי ישראל שמעון קאסטעלאניץ זי"ע פארציילט אז ער געדענקט איין מאל ווען עס האט אריינגערעגנט אין 'כולל רייסין' - אינעם סלאנימער שטיבל - פונקט ביי דעם פלאץ וואו די כהנים פלעגן דוכנ'ען. כדי זיי זאלן נישט דארפן שטיין אינמיטן דעם וואסער, האט מען פאר יו"ט אהינגעלייגט א ברעט.

ווען עס איז געקומען צייט צו דוכנ'ען און רבי לעזשאר האט מיט זיין פייער אנגעהויבן די ברכה, האט ער געגעבן **אזא שפרינג, אז ר' ישראל שמעון זאגט אז די גאנצע ברעט האט זיך איבערגעדרייט און מען האט געהערט ווי רבי לעזשאר פלאטשקעט אינעם וואסער...**

ער האט אבער צוגעלייגט, אז **רבי לעזשאר האט בכלל נישט געוואוסט וואס דא טוט זיך; ער איז נישט געווען 'בהאי עלמא'**. א גאנץ דאווענען און אויך נאכן דאווענען האט ער אפילו נישט מרגיש געווען אז ער האט אריינגעטאנצן אין א שלולית מים.

כדי דאס בעסער צו פארשטיין, וועל איך פארציילן א מעשה וואס דער '**ברכת אברהם**' זי"ע האט נאכגעזאגט. עס איז געווען אין טבריא א 'דאקטער בערגער'. דער דאקטער האט אמאל געזאגט פאַרן ברכת אברהם: "עה, וואו מאכט מען נאך אזעלכע אידן ווי רבי לעזשאר?"

פאר דעם ברכת אברהם איז דאס געווען א וואונדער: פון וואו ווייסט דאקטער בערגער וואס עס טוט זיך מיט רבי לעזשאר? האט ער דען א השגה אין אזא עובד ה'? האט ער אים געפרעגט: "נו, וואס גייט דא פאר?"

האט ער אים פארציילט, אז רבי לעזשאר איז אמאל געקומען צו אים און ער האט געדארפט דורכפירן אן אפעראציע, אבער ער האט אים געוואלט איינשלעפן פריער. רבי לעזשאר אבער - אזוי ווי עס איז געווען דער דרך פון אסאך צדיקים - האט זיך נישט געלאזט איינשלעפן. דער דאקטער האט אים געזאגט אז עס איז אוממעגליך צו מאכן די אפעראציע אזוי, ווייל אויב ער וועט נישט זיין איינגעשלעפט, וועט ער שפרינגען אינמיטן און מען וועט נישט קענען ענדיגן דעם ניתוח. האט אים רבי לעזשאר געזאגט: "זארג דיך נישט. זאג מיר נאָר ווען דו ווילסט אנהייבן, און אלעס וועט זיין בסדר".

**פאר דער דאקטער האט אנגעהויבן דעם ניתוח, איז רבי לעזשאר אריין אין זיין טיפן, קאכעדיגן דביקות. דער דאקטער זאגט, אז דורכאויס די גאנצע צייט וואס ער האט געמאכט די אפעראציע, האט זיך רבי לעזשאר נישט געגעבן קיין ריר!** ער איז דארטן געווען ממש 'כאבן דומם'. פלוצלינג פרעגט אים רבי לעזשאר: "איר האט שוין געענדיגט?..".

דעמאלטס האט דער דאקטער געזאגט: "האב איך געזען מיט וועמען מיר האבן דא צו טון". דאס איז געווען דער פשט פון דעם

וואס ער האט זיך אויסגעדריקט צום ברכת אברהם: "איך בענק זיך נאך רבי לעזשער". דער קאך אין זיין עבודה איז געווען אזא פלאם פייער, אז אפילו זיין רבי, דער 'יסוד העבודה', האט זיך אויסגעדריקט אויף אים אז **"רבי לעזשער איז מקיים דעם 'עבדו את ה' בשמחה'!"**

## דער פלאם פייער אויפ'ן וועג צום רבי'ן

עס איז געווען איין יאר ווען רבי לעזשער איז געפארן פון טבריא צו זיין רבי'ן, דעם הייליגן יסוד העבודה, קיין חוץ לארץ אויף די ימים נוראים. ווען ער איז אנגעקומען, האט אים דער יסוד העבודה געזאגט: "איך וויל דו זאלסט פארן אויף ראש השנה צו די אידן אין מאָש". האט ער געזאגט פארן רבי'ן: "איך בין דאך געקומען צום רבי'ן!" האט דער רבי געענטפערט: **"איך דארף אז די אידן פון מאָש, וואס שיקן געלט קיין ארץ ישראל, זאלן וויסן פאר וועמען זיי שיקן"**. דער יסוד העבודה האט אליין געזוכט און געדונגען א פיאקער - א גוי'אישער בעל עגלה - ער זאל נעמען רבי לעזשער ערב ראש השנה צו דער שטאט מאָש.

רבי לעזשער איז ארויף אויפ'ן פיאקער, און פארשטייט זיך, אזוי ווי עס איז געווען ערב ראש השנה, האט ער אנגעהויבן צו ברענען און קאכן; זיין פנים איז געווארן רויט ווי א פלאם פייער די גאנצע וועג. ווען ער איז אנגעקומען קיין מאש, איז דער בעל עגלה צוריקגעפארן קיין סלאנים. ווען ער איז אריין צום יסוד העבודה נעמען זיין געהאַלט, האט ער געזאגט פאַרן רבי'ן אז **דאס איז דאס ערשטע מאל וואס ער זעט א איד זאל אזוי שיכור'ן און טרינקען וויין און בראנפן...** ער האט פארציילט פארן יסוד העבודה אז דער רבי לעזשער איז די גאנצע וועג געווען מיט א פנים רויט ווי פייער, און ער האט געקאכט ממש ווי א שיכור.

האט זיך דער הייליגער יסוד העבודה אנגערופן: **"גערעכט, גערעכט, ער האט טאקע געשיכור'ט, אבער נישט פון וויין און נישט פון בראנפן. ער האט געשיכור'ט פון תורה און תפילה; ער האט געשיכור'ט ווייל ער האט זיך געוואלט אנגרייטן פאר די הייליגע טעג"**.

אזוי ווי דער הייליגער **לעכאוויטשער** זי"ע האט געטייטשט אויפ'ן פסוק (שיר השירים ה, א) "אִכְלוּ רֵעִים שְׁתוּ וְשִׁכְרוּ דּוֹדִים" - אז מען דארף 'עסן און טרינקען' דעם חודש אלול, וואס איז די ראשי תיבות 'אני לדודי ודודי לי'. און ווי אזוי דארף מען עס עסן און טרינקען? "שִׁכְרוּ דּוֹדִים" - **מען דארף שיכור ווערן פון דעם 'דודי'!**

און דאס איז טאקע געווען רבי לעזשאר.

## די הייליגע נענועים פון רבי לעזשאר

לאמיר יעצט צוריקגיין צום יו"ט סוכות, צו די הייליגע נענועים פון רבי לעזשאר. די מעשה האט דער ברכת אברהם פארציילט, און עס איז א מעשה נורא. דער הייליגער 'בית ישראל' פון גור, זינט ער האט געהערט די מעשה פונעם ברכת אברהם, פלעגט ער יעדעס מאל ווען ער האט זיך געטראפן מיט אים כסדר פרעגן: **"אפשר קענט איר מיר נאכאמאל פארציילן די מעשה מיט רבי לעזשאר'ס נענועים?"** ער פלעגט אים אפילו בעטן ער זאל נאכמאכן פיזיש ווי אזוי רבי לעזשאר האט געמאכט די נענועים.

וואס איז טאקע די מעשה מיט די נענועים פון רבי לעזשאר? הערט א מעשה.

ווי מיר האבן שוין מסביר געווען, איז די עבודת הקודש פון רבי לעזשאר געווען ממש ווי פון א מלאך ושרף. ווען עס איז געקומען יו"ט סוכות ביי די נענועים, האט רבי לעזשאר שטענדיג געהאט א גאנצע קעסטל מיט לולבים. פארוואס? ווייל ווען ער האט אנגעהויבן צו שאקלען דעם לולב מיט אזא אש קודש, פלעגט ער ממש צעקלאפן און פוסל'ען דעם לולב. ממילא האט ער געמוזט כסדר טוישן צו פרישע לולבים.

איין יאר חול המועד סוכות, זעט דער ברכת אברהם ווי רבי לעזשאר איז אינגאנצן צעקאכט. ער פרעגט אים: "רבי לעזשאר, וואס גייט פאר? מיט וואס קען איך דיר העלפן?" האט אים רבי לעזשאר געזאגט אז ער האט שוין מער נישט קיין כשר'ן לולב. האט דער ברכת אברהם געזאגט: "בסדר, איך האב פאר דיר א לולב", און רבי לעזשאר איז ממש אויפגעלויכטן געווארן.

דער ברכת אברהם האט אים אבער געגעבן א תנאי: ער זאל שאקלען דעם לולב זייער בנחת, ווייל ער דארף נאך דעם לולב פאר זיך און פאר זיין שטוב, און ער וויל אז עס זאל בלייבן כשר פארן גאנצן יו"ט. האט אים רבי לעזשאר צוגעזאגט: **"בסדר, איך זאג דיר צו, איך גיי מיך יעצט איינהאלטן"**. רבי לעזשאר האט גענומען דעם לולב און ער האט זיך געפרייט דערמיט אזוי ווי 'כמוצא שלל רב'.

**ווען עס איז געקומען צום ערשטן 'הודו' ביי הלל, איז רבי לעזשאר האט געגעבן אזא שפרינג און אנגעהויבן שאקלען דעם לולב מיט א געוואלדיגע התלהבות, און דערביי געגעבן א קנאק אריין אין**

**די וואנט, ביז דער לולב איז שוין געווארן "פסול לכל הדעות"...**

דער הייליגער בית ישראל פלעגט בעטן פונעם ברכת אברהם ער זאל אים איבערדערציילן די מעשה, און נאכמאכן די תנועות און דעם ניגון ווי אזוי רבי לעזשאר האט געזאגט 'הודו'.

## שמחת יו"ט און שמחת בית השואבה

כידוע פלעגט רבי לעזשאר עולה זיין 'חתן תורה' אין 'כולל רייסין' אין דעם סלאנימער שטיבל. איין יאר, נאכדעם וואס רבי לעזשאר איז עולה געווען חתן תורה, איז ער נאכן דאווענען אהיימגעגאנגען באגלייט דורך רבי ישראל שמעון קאסטילאניץ.

רבי לעזשאר, וואס איז געווען אין זיין אייגן וועלטל, אין זיין עולם המלאכים און עולם השרפים, האט פון גרויס שמחה איבערן זיין חתן תורה אנגעהויבן טאנצן אינמיטן גאס... די אראבער האבן זיך אפגעשטעלט קוקן וואס דא גייט פאר, און ווען רבי לעזשאר האט באמערקט ווי זיי קוקן מיט וואונדער אויף עמיצן וואס טאנצט אינמיטן גאס, האט ער זיך אנגערופן צו רבי ישראל שמעון: **"וואס וואונדערן זיי זיך? איך בין דאך היינט אזוי ווי א חתן ביום חופתו, און א חתן טאנצט דען נישט? ווער קוקט אָן מאדנע א חתן וואס טאנצט ביום חופתו?.."**

דאס איז געווען די עבודת הקודש פון דעם מלאך ושרף, רבי לעזשאר.

ביי שמחת בית השואבה איז זיין עבודת הקודש געווען ממש למעלה מדרך הטבע. ער האט נישט געקוקט אויף זיין כבוד, ממש בחינת דוד המלך וואס איז געווען 'מפזז ומכרכר' און זיך מבזה געווען פאר כבוד שמים, אזוי ווי דער הייליגער רמב"ם שרייבט סוף הלכות לולב, אז ווען מען פרייט זיך מיט א שמחה של מצוה בעבודת ה', זאל מען נישט זוכן אייגענע כבוד און נישט קוקן וואס אנדערע זאגן.

רבי לעזשאר פלעגט טאנצן ממש ווי א יונגער בחור און פלעגט אויך מאכן קאזשעקלער. עס איז באקאנט אז אפילו די גרויסע צדיקים פון די פריערדיגע דורות פלעגן מאכן קאזשעקלער. וכידוע עפ"י עדותו פון הרה"ק **מנאסויד** זי"ע אז **דער הייליגער צאנזער רב זי"ע פלעגט מאכן קאזשעקלער ביי די הקפות שמחת תורה** (ע' בספר 'גדולת יהושע' ח"א דף מ"ה).

איין מאָל ווען רבי לעזשאר האט געמאכט א קאזשעקל און געוואלט זיך אויפהייבן, האט מען געהערט ווי ער זאגט צו זיך אליין: **"נבילה, הייב דיך אויף!"** דאס איז געווען דער מלאך אלוקים. מצד אחד האט ער געדינט דעם אייבערשטן ווי א מלאך ושרף, און מצד השני איז ער געווען ממש א 'לב נשבר ונדכה', אז ער האט געשריגן אויף זיך אזעלכע ווערטער כדי זיך אויפצושטעלן.

ביי שמחת בית השואבה איז זיין ברען און פייער געווען עד להפליא. אינמיטן דעם טאנץ פלעגט ער ווערן אזוי צעקאכט, אז ער פלעגט ארויפטאנצן אויפ'ן טיש. דער זקן שבחבורה, דער ענק ברוח, פלעגט ארויפטאנצן אויפ'ן טיש ווי א יונגערמאן און אזוי זינגען און מיטשלעפן דעם גאנצן עולם. דאס זענען געווען די אמאליגע חסידים פון די סלאנימער חברייא, ווי מיר האבן שוין געשמועסט, זיי זענען נישט בלויז געווען חסידים, זיי זענען געווען "רבי'ס פון רבי'ס".

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אז עס זאל אין אונז אריינגיין דער 'ריח הבשמים' פונעם 'חנווני של בושם' פון די הייליגע סלאנימער חברייא. די עבודת הקודש פון דעם מלאך ושרף רבי לעזשאר זאל אונז העלפן מיר זאלן זיך אנפלאמען בתורה, בעבודה, במצוות, בשבת קודש וביו"ט.

מיר זאלן זיך אנצינדן אין די עבודת השמחה, אזוי ווי זיין רבי דער הייליגער '**יסוד העבודה**' זי"ע האט געזאגט אויף אים: "מיין חסיד רבי לעזשאר איז מקיים 'עבדו את ה' בשמחה'". אויך דער הייליגער **קאברינער** זי"ע האט געזאגט אויף רבי לעזשאר: "אל הנער הזה התפללתי". אזעלכע הגדרות האבן די גדולי עולם און ענקי הרוח געזאגט אויף אים. ווען מיר דערציילן די עבודות און סיפורים און ווערן נתעורר, איז ער אוודאי א מליץ יושר פאר אונז. בעזרת השם וועט עס נקלט ווערן אין אונז, אז מיר זאלן אויך גיין אין דעם וועג צו דינען דעם אייבערשטן בשמחה ובהתלהבות.

# די הייליגע סוכה פון רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער זי"ע און איר היסטאריע

### די מקורות פון די מעשה

מיר גייען פארציילן א סיפור נורא איבער די סוכה פונעם הייליגן **רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא** זי"ע, וואס ער האט געהאט בירושה פון זיין טאטן **רבי יוחנ'טשע** (הראשון) זי"ע, און ער פון זיין טאטן דער **טשערנאבלער מגיד** זי"ע, און ער פון זיין טאטן דער הייליגן **'מאור עינים'** זי"ע, און ער פון זיין טאטע **רבי צבי** זי"ע, און ער פון זיין טאטע **רבי נחום גאון**, וועמען מען האט גערופן 'רבי אדם בעל שם'. אין ספר **'שבחי הבעש"ט'** שטייט אז דער הייליגער **בעל שם הק'** זי"ע האט געלערנט די 'כתבים' פון רבי נחום גאון אינאיינעם מיט ר' נחום, און ווען רבי נחום גאון איז נפטר געווארן, האט ער איבערגעגעבן די כתבים פאר'ן הייליגן בעל שם הקדוש.

כאטש ער האט דאס נישט געוואלט פארקויפן פאר כל הון דעלמא, האט ער פון די אנדערע זייט, ווען עס איז געקומען צו טון א טובה פאר א צווייטן איד, נישט געטראכט קיין מינוט און אלעס אוועקגעגעבן כדי צו ראטעווען א צווייטן.

די מעשה ווערט געברענגט אין ספר **'ירושלים של מעלה'** און אין נאך פלעצער. אבער מיר ווילן דא צולייגן אז הגה"צ **ר' ישראל חיים אשרי** שליט"א ברענגט אין זיין ספר 'שיח זקנים' (ח"ב דף ע"ג) מער פרטים איבער די מעשה, וואס ער האט אליין געהערט פון הגה"צ **ר' מרדכי אהרן שענבערגער**, וואס ער האט דאס געהערט פון זיין שוועסטער-קינד, וואס האט עס געהערט פון זיין פעטער, מיט וועמען די מעשה אליין איז געשען.

דאס איז א גאָר גרויסער אוצר, ווייל די מעשה וואס מיר גייען פארציילן איז זייער באקאנט, אבער מיט וועמען עס איז געשען איז נישט אזוי ידוע. דא האבן מיר געטראפן אַן אוצר אז די מעשה איז געשען מיט א משפחה מיטגליד פון ר' מרדכי אהרן שענבערגער, וועלכער האט מקבל געווען די מעשה איש מפי איש.

איידער מיר פארציילן די מעשה, ווילן מיר מקדים זיין עטליכע קורצע סיפורים כדי זיך אביסל צו באקענען מיט די הייליגע גזע פון וועמען מיר רעדן דא.

### די גזע הקודש פון טשערנאבל און ראחמיסטריווקא

עס איז באקאנט אז דער הייליגער **טשערנאבלער מגיד** זי"ע האט געהאט קינדער מלאכי אלקים. דער עלטסטער איז געווען **רבי אהרן טשערנאבלער** זי"ע, און דער יונגסטער איז געווען **רבי יוחנ'טשע ראחמיסטריווקער** זי"ע.

עס איז ידוע אז ער האט זיך אויסגעדריקט, אז דער טאטע האט איבערגעלאזט פאר יעדן קינד א ירושה, און ווען עס איז געקומען די רייע פון **רבי משה קאריסטשובער** זי"ע האט ער גע'זאגט: **"איך האב גע'ירש'נט דעם 'גארנישט' - די ענווה"**. ווען עס איז געקומען די רייע פון רבי יוחנ'טשע - וואס ער איז געווען דער יונגסטער - האט ער זיך אנגערופן: **"און איך האב גע'ירש'נט דעם 'גארנישט פונעם גארנישט'..."**

רבי יוחנ'טשע האט געהאט פיר קינדער, מלאכי אלקים. דער עלטסטער איז געווען **רבי דוד זלאַטעפּאָלער** זי"ע, דער צווייטער איז געווען **רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא** זי"ע, איבער וועמען מיר גייען פארציילן די מעשה. ער איז געווען דער איידע פונעם **סקווערער רבי'ן** זי"ע, ווייל זיין זון, **רבי פיניעלע אוסטילא** זי"ע, האט חתונה געהאט מיט די טאכטער פונעם בעלזער רב, הרה"ק **רבי ישכר דוב** זי"ע, און זיי האבן געהאט א טאכטער, די רעבעצין **טראנא** ע"ה, וואס האט חתונה געהאט מיט'ן סקווערער רבי'ן זי"ע. קומט אויס אז די סקווערער גזע זענען אייניקלעך פון רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא.

דערנאך איז געווען דער ברודער **רבי נחומ'טשע ראחמיסטריווקא** זי"ע, פון וועמען עס איז ארויסגעקומען די גאנצע גזע ראחמיסטריווקא, רבותיהם ולדורותיהם ביז היינטיגן טאג, אין ירושלים און אין אמעריקע, זיי זענען אלע אייניקלעך פון

רבי נחום'טשע. דער דריטער ברודער איז געווען **רבי וועלוועלע ראחמיסטריווקא** זי"ע, אויף וועמען דער **סטייפלער** זי"ע האט געזאגט אז **אינדערהיים אין רוסלאנד איז האט ער גע'שמ'ט אלס א גאון הגאונים.**

די אלע דריי ברידער זענען, צוליב די פּאָגראָמען אין אוקריינא, עולה געווען קיין ארץ ישראל. קודם איז רבי מאטעלע ארויפגעגאנגען אין יאר תרס"ה, שפעטער איז רבי נחום'טשע ארויפקומען אין תרפ"ו, און דערנאך איז רבי וועלוועלע ארויפגעקומען אין תרצ"ד.

אין ספר 'אמרות טהורות' (סיפורי קודש ח"א דף רס"ב), ברענגט דארטן דער ראחמיסטריווקא רבי זי"ע אז ער האט געהערט פונעם הייליגן בעלזער רב, הרה"ק **מהר"א** זי"ע, וואס האט אמאל געזאגט צו זיין טאטן רבי יוחנן'טשע זי"ע, אז זיין טאטע רבי ישכר דוב זי"ע פלעגט אסאך רעדן נאָכן פראַווען דעם טיש פונעם הייליגן טשערנאבלער מגיד מיט זיינע הייליגע קינדער, ובפרט וועגן זיין זיין רבי אהרן טשערנאבלער.

ער האט צוגעענדיגט מיט די ווערטער: "דער טאטע ז"ל פלעגט רעדן פונעם טשערנאבלער מגיד און זיינע קינדער גאנצע שעה'ן. און פונעם פעטער רבי יוחנן'טשע מיט זיינע קינדער פלעגט ער שמועסן גאנצע האלבע שעה'ן". און ווען ער האט געענדיגט פארציילן די סיפורים, פלעגט ער זאגן: **"סאמע מלאכים, סאמע מלאכים!"** (-לויטערע מלאכים, לויטערע מלאכים!).

דער בעל 'אמרות טהורות' צייכענט צו, אז ווען ער פלעגט הערן דער בעלזער רב זי"ע, רעדן וועגן די טשערנאבלער קינדער און אייניקלער, האבן זיינע צוויי הייליגע הענט געציטערט, און ער פלעגט אויספירן: **"זיי זענען אלע געווען מלאכים ממש, מלאכים ממש!"...**

## די געוואַלדיגע עבודת הקודש פון רבי מאטעלע

רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא איז געווען א מלאך אלקים צבקות. פון איין זייט איז זיין פשטות און באהאלטנקייט געווען מורא'דיג, מען האט גארנישט געקענט ארויסזען. זיין דאווענען איז נישט געווען מיט קיין חיצוניות'דיגע תנועות, און זיין לערנען איז געווען גאָר באהאלטן. פונדעסטוועגן האט זיין עבודת הקודש ארויסגעשיינט ווי די זון אינמיטן טאג.

אין 'שיח זקנים' ווערט דערציילט, אז ער האט געהערט פון הרה"ק דער **ראחמיסטריווקער רבי** זי"ע בעל 'אמרות טהורות', אז דער 'פראנקפורטער' - דער הייליגער **רבי ישראל** פון **סטאלין** זי"ע, וואס איז געווען א פלומעינק פון רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא - האט געזאגט אזוי:

**"עס איז באקאנט אז רבי מאטעלע פלעגט פאסטן משבת לשבת, פונדעסטוועגן האט זיין פנים געלאכטן כאילו ער וואלט יעצט געגעסן א סעודה"**. דער פראנקפורטער האט אויסגעפירט: **"איך האב געזען אסאך וואס האבן געפאַסט משבת לשבת, אבער אזא שיינע צורה ווי רבי מאטעלע האב איך נישט געזען"**.

## נישט געגעסן פערציג יאר!

דער **טשערנאבלער רבי** שליט"א פון ארץ ישראל האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון **ר' פייוול'ע זאַק** ז"ל: ער איז געווען אין שטאט בעלזא ווען רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא - דער טאטע פון רבי פיניעלע וואס איז געווען אַן איידעם אין בעלזא - איז געקומען זיך געזעגענען פונעם הייליגן בעלזער רב, הרה"ק רבי ישכר דוב זי"ע און פון זיין זון פאר'ן גיין קיין ארץ הקודש.

דער הייליגער רבי ישכר דוב האט זיך דעמאלטס אנגערופן אין שטוב, איידער ער איז אריין צום טיש ליל שבת קודש: **"איך דארף האבן א שטארקע הכנה, ווייל עס איז צו מיר געקומען עמיצער וואס האט נישט געגעסן פערציג יאר!"**

רבי פייוול איז געווען זייער נייגעריג און איז געלאפן זען די צורה פונעם הייליגן רבי מאטעלע. ער האט דערציילט אז עס האט אויסגעזען ווי ער וואלט יעצט געגעסן 'א גאנצע קאטשקע'...

דער טשערנאבלער רבי שליט"א האט צוגעלייגט, אז עס איז מקובל פון זיינע אבות הקדושים אז רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא האט נישט געגעסן און געטרונקען א גאנצן טאג, ערשט חצות לילה האט ער אביסל געטרונקען, און דאס איז עס.

נאך א זאך האט דער ראחמיסטריווקער רבי זי"ע דערציילט, אז **ר' וועלוול אייזנבאך** זצ"ל - מנקיי הדת שבירושלים - האט אים געזאגט, אז **מוצאי שבת קודש פלעגט ער עסן איין לעפעלע קאשע מיט פיר-פינף בּאָנדלעך, און דאס איז געווען זיין גאנצע מאכל פאר א גאנצע וואך**. דאס הייסט, געטרונקען האט ער ביי חצות לילה, אבער געגעסן האט ער נאָר מוצאי שבת ביי מלוה מלכה איין לעפעלע, וואס האט אים געדארפט האלטן א גאנצע וואך.

דער **ראחמיסטריווקער רבי** פון ארץ ישראל, הרה"ק רבי ישראל

מרדכי זי"ע, האט דערציילט, אז **ווען רבי מאטעלע, פלעגט עסן די כזיתים ליל פסח, איז זיין פנים געווען פאַרפלאַמט ווי א 'לַפִּיד אֵשׁ'. אבער וויבאלד ער איז נישט געווען צוגעוואוינט צו עסן, פלעגט ער אויסברעכן די כזיתים, און עס האט געדויערט עטליכע חדשים ביז זיין גוף איז צוריק געקומען צו זיך.**

דער סקווערער רבי זי"ע האט דערציילט, אז ווען עס איז געקומען די טעג פון שובבי"ם, איז געווען איינער פון די געהויבענע חסידים וואס האט געוואלט נאכמאכן דעם זיידן רבי מאטעלע און פאַסטן משבת לשבת. דער סקווערער רבי האט אויסגעפירט: דעם ערשטן טאג איז אלעס דורכגעגאנגען בשלום, דעם צווייטן טאג האט זיך יענער שוין געשפירט גאר שוואך, דעם דריטען טאג איז ער שוין געלעגן אין בעט און געמוזט איבעררייסן דעם תענית... **אבער דער זיידע רבי מאטעלע האט געהאט א פרייליך פנים א גאנצע וואך!**

**רבי שמעון קאסטעלאניץ** זי"ע האט נאכגעזאגט, אז **רבי דוד'ל בידערמאן** פון **ירושלים** זי"ע האט געזאגט: **"פאַסטן משבת לשבת איז איין זאך, אבער האבן אזא רויטע געזונטע באַקן נאָכ'ן פאַסטן ביי קידוש? דאס איז שוין א חידוש!"**

## די ירושה פון די זיבן ברעטער פונעם מאור עינים

דאס איז די הקדמה צו די מעשה, כדי מיר זאלן פארשטיין כאטש אַן 'אפס קצהו' פון די לעכטיגקייט פונעם גרויסן צדיק יסוד עולם רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא. יעצט לאמיר גיין צו די מעשה.

ווען רבי מאטעלע איז אנגעקומען קיין ארץ הקודש האט ער נישט געהאט קיין סאך געלט, אבער ער האט געהאט א געוואלדיגע ירושה. איינע פון די זאכן אין זיין ירושה זענען געווען 'זיבן ברעטער' פון די סוכה פונעם הייליגן מאור עינים זי"ע. דער מאור עינים האט עס באקומען בירושה פון זיין טאטע רבי צבי, וואס האט דאס גע'ירש'נט פון זיין טאטן רבי נחום גאון. דעם רבי נחום גאון פלעגט מען רופן 'רבי אדם בעל שם'.

די זיבן ברעטער זענען אריבער בירושה צום הייליגן טשערנאבלער מגיד, און נאכדעם האט דאס זיין יונגסטער זון, רבי יוחנ'טשע ראחמיסטריווקא, גע'ירש'נט. רבי מאטעלע האט עס גע'ירש'נט פון זיין טאטן און עס מיטגעברענגט קיין ירושלים. אין זיין סוכה האט רבי מאטעלע געשטעלט די אלע זיבן ברעטער ביים מזרח וואנט, און אויף יעדע ברעט איז געווען אויפגעשריבן איינע פון די זיבן ספירות: חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. לויט ווי עס איז מקובל, האט די ספירות געשריבן רבי צבי, דער זון פון רבי נחום גאון.

## די הייליגע ציורים און סודות פון דער סוכה

רבי מאטעלע איז כידוע געווען א געוואלדיגער 'בעל מצייר', און עס געפינען זיך נאך ביזן היינטיגן טאג הערליכע בילדער וואס ער אליין האט געמאלן.

אין ספר **'שופרי' דרבי יוחנן'** (פרק י"ח) ווערט געברענגט בשם דעם ראחמיסטריווקער רבי'ן זי"ע, אז זיין זיידע רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער זי"ע האט געהאט אַן עבודה נשגבה אין מאכן ציורים אויף האלצערנע אדער זילבערנע כלים.

די עבודת הקודש פלעגט ער טאן טאג-טעגליך גלייך נאכן דאווענען. אין זיינע שפעטערע יארן האט ער זוכה געווען צו טאן די עבודה ווען ער איז נאך געווען מעוטף בטלית ומעוטר בתפילין. עס איז פארשטענדליך אז אין דעם כח הציור זענען געווען באהאלטן געוואלדיגע און הויכע סודות.

דער באוואוסטער חסיד **ר' חיים הערש אייזנבאך** זצ"ל מנקיי הדעת שבירושלים, וואס ער איז געווען כידוע אדוק ומקושר צום הייליגן רבי מאטעלע ראחמיסטריווקא, האט זייער שטארק מפציר געווען ער זאל אים אויסזאגן דעם טעם, אבער רבי מאטעלע האט אים נישט אויסגעזאגט דעם טעם.

איינמאל האט ער אים זייער שטארק געבעטן, האט ער אים פארציילט די מעשה: נאך זיין חתונה האט זיך אסאך מאל פאסירט אז **נאכן דאווענען האט ער זיך נישט געקענט צו זיך קומען מחמת גרויס דביקות וואס ער האט געהאט ביים דאווענען, ביז ס'איז אנגעקומען צו א מצב פון סכנת נפשות ממש**. איז ער אריינגעגאנגען צו זיין טאטן, דעם הייליגן רבי יוחנ'טשע ראחמיסטריווקא, און ער האט אים געגעבען אַן עצה. האט ער אים געזאגט **אז ער זאל עוסק זיין אין א דבר גשמי, און מיט דעם וועט ער זיך משיב זיין נפשו און נישט אויסגיין פון דביקות**. און ממילא וועגן דעם איז ער עוסק אין די ציורים יעדן טאג נאכ'ן דאווענען.

רבי מאטעלע האט צוגעלייגט קליינטשיגע 'תַּגִים' אויף די אותיות, וואס מען האט נאָר געקענט זען מיט א פארגרעסערונג גלאז, און קיינער האט נישט געוואוסט די סודות פון די דאזיגע 'תַּגִים'.

ארום די ווענט פון דער סוכה, אויסער די ווערטער פון די זיבן ספירות, זענען געווען אויסגעצייכנט אויג-פארכאפנדע

ציורים וואס רבי מאטעלע אליין האט געמאלן, באצירט מיט אותיות און יחודי שמות. די זקני ירושלים פלעגן דערציילן אז **רבי חיים שאול הכהן דוויק** זי"ע, וואס איז געווען א מלאך ה' צבאות, איז אמאל אריינגעקומען און געזען די ברעטער, און ער האט זיך אויסגעדרוקט: "**האיר פני המזרח!**"

## רבי מאטעלע איז נישט מסכים אוועקצוגעבן די הייליגע ברעטער אפילו פאר כל הון דעלמא

יעצט לאמיר גיין צו די מעשה וואס האט פאסירט אין יאר תרע"ה. אין יענעם יאר איז די סוכה פלוצלינג נעלם געווארן... און קיינער האט נישט געוואוסט וואו זי איז אהינגעקומען. עס האט געדויערט עטליכע חדשים ביז מען איז געוואר געווארן די גאנצע מעשה. די סיבה פארוואס מען האט נישט געוואוסט דערפון, וועלן מיר באלד זען אין א שטיקל וואס שטייט אין 'שיח זקנים', וואס ווערט נישט אראפגעברענגט אין 'ירושלים של מעלה'.

איידער מיר גייען ווייטער צו די אנדערע חלק פון די מעשה, דארף מען מקדים זיין אז אין יאר תרס"ח, זיבן יאר פאר די מעשה, איז אנגעקומען פון בארדיטשוב **ר' הערשל גענעכאווסקי** ז"ל. ער איז געווען א גרויסער נגיד, א בר דעת, און א גרויסער מבין אויף תשמישי קדושה. ער האט געהערט אז דער ראחמיסטריווקער רבי, רבי מאטעלע, פארמאגט גאר טייערע אוצרות. **ער איז געקומען צו רבי מאטעלע און אים אנגעבאטן אַן עצומ'דיגן סכום געלט, מיט וואס רבי מאטעלע וואלט געקענט שפייזן זיין גאנצע שטוב זיין גאנץ לעבן מיט הרחבה, אבער רבי מאטעלע האט נישט געוואלט הערן דערפון.**

יעצט וועלן מיר זען ווי דער הייליגער רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער, וואס פון איין זייט האט ער נישט געוואלט פארקויפן די ברעטער פאר קיין שום געלט אין די וועלט, האט עס אוועקגעגעבן בחנם, אָן בעטן אפילו א פרוטה, כדי צו ראטעווען א אידיש קינד.

## ראטעווען א אידיש קינד מיט די הייליגע ברעטער!

ווי מיר האבן מקדים געווען פונעם ספר 'שיח זקנים', איז די מעשה געווען מיט א משפחה מיטגליד פון ר' מרדכי אהרן שענבערגער, וועלכער האט דערציילט אז דאס האט פאסירט מיט זיין פעטער. אין יענעם יאר תרע"ה האט געבושעוועט א מסוכנ'דיגע מחלה, און איינער פון די קינדער אין ירושלים איז נעבעך קראנק געווארן. ווער עס איז קראנק געווארן מיט יענע מחלה האט כמעט נישט געהאט קיין אויסוועג איבערצולעבן, און די איינציגסטע רפואה דעמאלטס איז געווען זיך צו באָדן אין א הייסע וואַנע.

עס איז אבער געווען די צייטן פון די ערשטע וועלט מלחמה, און אין ירושלים איז קוים געווען עפעס צו עסן. עס זענען נישט געווען קיין העלצער און קיין שום מיטלען צו הייצן. דער טאטע פונעם קינד איז געווען אובד עצות. ער איז געגאנגען צום הייליגן צדיק רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער מזכיר זיין דאס קינד, און אים דערציילט זיין גרויסע מצוקה.

ווי נאָר ער האט געענדיגט פארציילן זיין צער, האט אים רבי מאטעלע געזאגט: "קום מיט מיר". ער איז געגאנגען מיט רבי מאטעלע צו דעם ארט וואו די הייליגע זיבן ברעטער פון די סוכה זענען געווען באהאלטן—די ירושה פונעם הייליגן מאור עינים, פון רבי צבי בעל שם טוב, פון רבי נחום גאון און רבי אדם בעל שם. רבי מאטעלע זאגט אים: "**גיי שנעל, נעם די אלע ברעטער, הייץ אן דערמיט די וואסער און גיב דיין זון א הייסע באָד, און בעזרת השם וועט ער געזונט ווערן...**"

איידער ער האט אים געגעבן די ברעטער, וויבאלד זיי האבן געהאט אויף זיך שמות הקדושים, האט רבי מאטעלע געזאגט אז מען דארף קודם אראפנעמען די שמות. דער איד איז געשטאנען אינגאנצן פארציטערט: ער זאל אראפנעמען די שמות הקדושים? ער זאל נעמען די הייליגע ברעטער פון שרפי מעלה און זיי אריינווארפן אין פייער צו הייצן א וואנע? ער האט עס נישט געקענט באוויזן. אבער רבי מאטעלע האט אים געזאגט: "**בגזירת רב דארפסטו מיר פאלגן!**"

דער איד האט אנגעהויבן אראפצונעמען די שמות, בשעת רבי מאטעלע שטייט איבער אים און מאכט זיכער אז מען נעמט זיי אראפ כדבעיא, כדי עס זאל נישט זיין קיין מחיקת השמות. **נאכדעם איז ער געגאנגען, צושניטן די העלצער, אנגעווארעמט א באָד פאר זיין קינד, און דאס קינד איז טאקע געזונט געווארן.**

## די באהאלטענע מסירות נפש פון צדיק

אין ספר 'שיח זקנים' שטייט אז מרדכי אהרן שענבערגער האט מקבל געווען די מעשה, אז **רבי מאטעלע האט אנגעזאגט דעם טאטן ער זאל עס פאר קיינעם נישט דערציילן, און ער האט עס אפילו נישט געזאגט פאר זיינע גבאים.** דערפאר האט קיינער נישט

געוואוסט וואו די ברעטער זענען אהינגעקומען און וואס דא איז געשען. פארשטייט זיך, עטליכע חדשים שפעטער איז די מעשה ארויסגערינען.

### דער מוסר השכל פון דעם סיפור

דער לימוד פון די מעשה איז אָן א שיעור. יעדער איינער קען זיך לערנען דערפון מורא'דיגע זאכן. מיר וועלן עס לאזן פאר יעדן איינעם אז עס זאל זיין ווי אַן 'אמבטי רותחת', א קאכעדיגער קעסל, וואס יעדער זאל ארויסנעמען דערפון וואס ער דאַרף.

פון איין זייט זעט מען רבי מאטעלע ראחמיסטריווקער, א מלאך אלוקים, אויף וועמען דער הייליגער רבי ישכר דוב בעלזער האט געזאגט אז מען דארף זיך אנגרייטן איידער מען גייט אריין צום טיש פון א איד וואס פאַסט שוין פערציג יאר. ער פלעגט פאסטן משבת לשבת, און ביי קידוש איז זיין פנים געווען רויט ווי פייער. פון די אנדערע זייט, **ווען עס איז געקומען צו העלפן א אידיש קינד–ווען דער טאטע איז סך הכל געקומען מזכיר זיין זיין זון און אפילו נישט געבעטן קיין עצה–האט ער אלעס אוועקגעלייגט כדי אים צו ראטעווען!**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך אפצולערנען פון די דרכי הצדיקים, זייער עבודה און זייער מסירות נפש, סיי בין אדם למקום און סיי בין אדם לחבירו.

**א לעכטיגע קוויטל און א שמחת יו"ט!**

## הילולא דצדיקיא

# כ"ה תשרי - יארצייט פון רשכבה"ג מרנא ה'חתם סופר' זי"ע

### די גרויסקייט פון סיפורי צדיקים פונעם הייליגן חתם סופר

בעזהשי"ת, די יארצייט פון מרנא ורבנא **רבינו משה בן רבי שמואל סופר**, זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל אמן, געפאלט **כ"ה תשרי**.

מיר וועלן בס"ד פארציילן סיפורי צדיקים פונעם הייליגן חתם סופר וואס האבן א שייכות מיט יו"ט סוכות.

בכלל דארף מען וויסן אז די גרויסקייט פון סיפורי צדיקים איז א זאך וואס ווערט שוין אראפגעברענגט אין חז"ל און אין די ראשונים. כידוע זאגט דער הייליגער **רמב"ם** אין פירוש המשניות אז **דורך סיפורי צדיקים קען א מענטש טוישן זיין נפש לטובה**. דער הייליגער חתם סופר אליין שרייבט אין זיינע 'תשובות' אז עס איז א **"מצוה לשבח מעשי צדיקים"**.

הגם מיר האבן נישט קיין שום השגה אדער א צל פון א השגה אין זיין געוואלדיגע התמדה בתורה, וואס כידוע האט ער נישט מבטל געווען קיין רגע, פלעגט דער הייליגער חתם סופר פונדעסטוועגן פארציילן סיפורי צדיקים פון זיינע הייליגע רבי'ס: דער כהן הגדול, דער נשר הגדול רבי נתן אדלער, און דער לוי הגדול, דער הייליגער בעל הפלאה.

ער פלעגט אויך פארציילן פון אנדערע רבי'ס, ווי רבי טעבלי שייער און זיין זון רבי מיכל שייער. זיין רבי'ן רבי זלמן חסיד, אויף וועמען ער האט מעיד געווען אז אליהו הנביא פלעגט זיין רגיל ביי אים. זיין רבי'ן רבי מענדל ליליגער. זיין רבי'ן רבי יהודה לייב הכהן, דער בעל 'מנחת כהן'. זיין רבי'ן רבי נתן בן רבי שלמה, דער ראש בי"ד פון פראנקפורט. און רבי יעקב שמש, וואס איז געווען איינער פון די דיינים אין דעם בית דין אין פראנקפורט.

**דער הייליגער חתם סופר פלעגט כסדר פארציילן פון זיינע רבי'ס און עס איבערגעבן פאר די תלמידים**.

### דער וויכטיגקייט פון איבערהערן מעשיות פון צדיקים

דער בעל 'התעוררות תשובה', דער **ערלויער רב** זי"ע, האט נאכגעזאגט וואס ער האט געהערט פון זיין הייליגן פאטער, דער '**כתב סופר**' זי"ע:

דער כתב סופר איז דאך כידוע געווען א מתמיד עצום, און ווען ער פלעגט זיצן ביים טיש פון זיין טאטן בשעת דער הייליגער חתם סופר האט געפירט און פארציילט סיפורי צדיקים, האט ער פארשטייט זיך נישט פארפעלט קיין איין אות. אבער ווען דער פאטער האט אנגעהויבן איבערצוזאגן מעשיות וואס ער האט שוין געהערט, האט ער געשפירט אז ער דארף עס נישט נאכאמאל אויסהערן, וויבאלד דאס איז געמאכט געווארן פאר די תלמידים וואס האבן די מעשיות נאכנישט געהערט. דעריבער האט ער געהאלטן א גמרא אונטערן טיש כדי נישט מבטל תורה צו זיין קיין רגע.

האט זיך דער הייליגער חתם סופר אויסגעדרייט צו זיין זון דער כתב סופר און געזאגט: **"שמואל וואלף, הערט צו צו די מעשיות, עס וועט אייך נאך צוניץ קומען"**. דאס מיינט אז דער הייליגער חתם סופר האט געוואלט אז דער כתב סופר זאל הערן די מעשיות נאכאמאל אפילו ער האט זיי שוין געקענט, ווייל עס וועט אים העלפן ווען ער וועט ארויפגיין אויף דעם כסא הרבנות און פירן כלל ישראל. הגם מיר פארשטייען נישט פארוואס ער האט עס געדארפט איבערהערן אז ער האט עס שוין געוואוסט, האט דער חתם סופר פונדעסטוועגן געהאלטן אז ער מוז עס הערן נאכאמאל, ומי יוכל לעמוד בסוד קדושים.

עס איז איינמאל געווען שבת נאכמיטאג ווען דער הייליגער חתם סופר איז געזעסן ארומגענומען מיט זיינע הייליגע תלמידים, ענקי רוח און גדולי הדור, און ער האט פארציילט סיפורי צדיקים פון זיינע גרויסע רבי'ס, דער כהן הגדול רבי נתן אדלער און דער לוי הגדול דער בעל הפלאה. **רבי פישל סופר**, וואס איז געווען די יד ימינו און דער משמש בקודש פונעם הייליגן חתם סופר - וועלכער האט אים אויך מסמיך געווען להוראה, און ער איז געווען זיין פריוואטער סופר וואס האט געשריבן די הייליגע קמיעות און זיין איש סוד - האט באמערקט אז עס ווערט שוין שפעט און געזאגט פארן חתם סופר אז מען דארף שוין גיין דאווענען מנחה.

האט דער הייליגער חתם סופר זיך אנגערופן: **"מען וועט דאווענען מנחה, מען וועט זיך וואשן צו שלש סעודות, און מען וועט ווייטער ממשיך זיין צו פארציילן סיפורי צדיקים"**.

## דער 'סבא קדישא' רבי שלמה אליעזר אלפאנדרי זי"ע

מיר פארציילן יעצט סיפורי צדיקים וואס דער הייליגער 'סבא קדישא' **רבי שלמה אליעזר אלפאנדרי** זי"ע האט פארציילט.

בהקדם, אין ספר **'מעילו של שמואל'** (עמוד רמ"ח) ווערט געברענגט אז דער צדיק וקדוש **רבי שמואל אהרן יודעלעוויטש** זי"ע מנקיי הדת שבירושלים, האט פארציילט, אז אין זיינע יונגע יארן אין ירושלים פלעגט ער גיין סוכות מקבל פנים זיין דעם סבא קדישא, ווייל גאנץ ירושלים האט געוואוסט אז דעמאלטס איז א צייט וואס מען קען באקומען א ברכה פון אים. א גאנץ יאר איז דער סבא קדישא געווען פארשלאסן, ווייל ער איז געווען א מתמיד עצום און האט נישט געוואלט מבטל תורה זיין.

דער סבא קדישא האט געדינט ברבנות אין צפת, אין טערקיי, אין קושטא און אין דמשק, און סוף ימיו איז ער ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, וואו ער האט זיך מורא'דיג פארשלאסן. נאָר די גרויסע ענקי הרוח האבן געקענט אריינגיין צו אים, ווי רבי חיים שאול דוויק און רבי יוסף חיים זאנענפעלד, ווי אויך זיינע גאר נאנטע תלמידים ווי רבי אשר זעליג מרגליות מיט נאך אנדערע געהויבענע אידן. אבער דער יוצא מן הכלל איז געווען יו"ט סוכות, ווען ער פלעגט יא מקבל פנים זיין די אנשי ירושלים.

רבי שמואל אהרן האט מעיד געווען אז דער סבא קדישא האט מאריך ימים געווען ביז די הונדערט און צוואנציג יאר. ער זאגט אז **אפילו ער איז שוין דעמאלטס געווען א זקן מופלג, איז ביי אים געווען "לא נס לחה ולא כהתה עינו", זיין פנים איז געווען פריש ממש ווי א יונגערמאן**. כידוע איז ער געווען בתקפו ובגבורתו, ממש א גיבור חיל, כמעט עד זבולא בתרייתא.

## די הנהגה פונעם סבא קדישא אין די סוכה אין ירושלים

ער פארציילט אז סוכות, ווען דער סבא קדישא איז געזעסן אין די סוכה און גאנץ ירושלים איז געקומען נעמען א ברכה, איז דער סדר געווען אזוי: דער הייליגער סבא קדישא איז געשטאנען און אריינגעקוקט אין א ספר, ווייל ער האט נישט געוואלט מבטל תורה זיין אפילו פאר איין רגע. זיין האנט איז געווען אויסגעשטרעקט, און ווער עס איז צוגעקומען האט ער געגעבן א ברכה בשעת יענער האט געקושט זיין האנט, און אזוי זענען די מענטשן אדורך איינס נאכן צווייטן. **דער סבא קדישא האט אבער נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם ספר, צוליב זיין גרויס זהירות נישט מבטל תורה צו זיין**.

דאס איז די הקדמה צו די מעשה, ווייל מיר האבן דא אַן עדות פון איינעם פון די גדולי נקיי הדעת פון ירושלים און די אנשי

הישוב הישן, רבי שמואל אהרן יודעלעוויטש, וואס איז אליין געווען א גאון וצדיק יסוד עולם. ער האט מעיד געווען דעם פאקט אז דער סבא קדישא האט מאריך ימים געווען ביז די הונדערט און צוואנציג יאר.

## דער באגעגעניש צווישן דעם סבא קדישא און דעם חתם סופר

כדי מיר זאלן קענען פארשטיין די מעשה, דארף מען געבן נאך אַן הקדמה.

דער סבא קדישא איז נסתלק געווארן **כ"ב אייר שנת תר"צ**, און דעמאלטס איז ער אלט געווען הונדערט און צוואנציג יאר. אויב מען מאכט דעם חשבון, קומט אויס אז דער סבא קדישא איז געבוירן געווארן אין יאר **תק"ע**. דאס מיינט אז דער הייליגער סבא קדישא איז געבוירן געווארן אין די צייטן ווען דער הייליגער חתם סופר און רבי עקיבא איגר האבן געפירט די אידישע וועלט אין אייראפע.

דער חתם סופר און רבי עקיבא איגר זענען כידוע נסתלק געווארן אין די יארן **תקצ"ט** און **ת"ר**. רבי עקיבא איגר איז אוועק אין יאר תקצ"ט, און דער הייליגער חתם סופר אין יאר ת"ר. עס קומט אלזא אויס, אז ווען דער חתם סופר איז נסתלק געווארן, איז דער סבא קדישא שוין אלט געווען דרייסיג יאר.

יעצט, דער סבא קדישא, ווען ער איז נאך געווען אין זיין יונגן עלטער פון די צוואנציגער יארן, הגם ער איז געווען א 'ספרדי' און אַן אייניקל פון די גרויסע ספרד'ישע גדולים פון 'משפחת אלפנדרי', דאך איז ער געפאָרן קיין אייראפע, ווייל ער האט געוואלט קענען די דעמאלטסדיגע גדולי העולם. דער סבא קדישא איז אנגעקומען צום הייליגן חתם סופר ארום דעם יו"ט סוכות.

דער הייליגער סבא קדישא האט געוויילט דעם יום הקדוש ביים הייליגן חתם סופר, און מוצאי יום כיפור איז ער געגאנגען זיך געזעגענען. דער הייליגער חתם סופר האט געבעטן דעם סבא קדישא אז ער זאל בלייבן אויף סוכות, אבער דער סבא קדישא האט געדארפט ווייטער גיין אויף זיין וועג.

אינמיטן וועג האבן זיך געמאכט פארשידענע מניעות אז ער האט נישט געקענט ממשיך זיין זיין רייזע, און בלית ברירה האט ער געמוזט צוריקקומען קיין פרעשבורג אויף סוכות. **דעמאלטס האט ער געכאפט וואס דער חתם סופר האט געמיינט ווען ער האט אים געבעטן אז ער זאל בלייבן ביי אים אויף סוכות.**

## די התגלות פון די שבעה רועים אין די סוכה אין פרעשבורג

האט דער הייליגער סבא קדישא דערציילט, אז ווען עס איז געקומען די הייליגע נאכט פון סוכות - וואס דער **זוהר הקדוש** זאגט אז דעמאלטס קומען אראפ די אושפיזין - **האט ער געזען די שבעה רועים 'בפועל ממש'**. ער האט צוגעלייגט, אז נישט נאָר ער האט עס געזען, נאָר **אלע בני הבית האבן געהאט די זכיה צו זען די אושפיזין בזכות פונעם הייליגן חתם סופר**.

דאס איז די ערשטע מעשה וואס דער הייליגער סבא קדישא האט דערציילט.

פאַר מיר גייען ווייטער: מענטשן פרעגן, אז אויב יעדער האט עס געזען, פארוואס טרעפן מיר נישט קיין שום רמז דערויף אין די אנדערע ספרי סיפורים פון תולדות החתם סופר, וואס די אייניקלעך און תלמידים האבן געשריבן בשפע - ווי למשל **רבי אלכסנדר סופר** וואס האט אסאך מקבל געווען פון זיין טאטן רבי שמעון סופר זי"ע, ווי אויך פון זיין פעטער דער כתב סופר זי"ע, און נאך פילע מקורבים פונעם חתם סופר, און פיל געשריבן איבער'ן חתם סופר, און **ער דערציילט נישט אז די קינדער פונעם חתם סופר האבן אויך געזען די אושפיזין?**

אויף דעם איז דא א פשוט'ע תירוץ, אז **די קינדער פונעם חתם סופר זענען געווען מורא'דיגע ענווים**, און זיי האבן נישט געהאלטן אז זיי זענען ראוי דאס צו דערציילן, אדער האבן זיי נישט געוואלט מגלה זיין פאר די וועלט די הויכע מדרגות וואס זיי האבן אליינס זוכה געווען צו זען.

## די עבודת הקודש פונעם חתם סופר די גאנצע נאכט פון סוכות

יעצט לאמיר הערן א צווייטע מעשה וואס דער סבא קדישא, האט דערציילט איבער וואס עס האט זיך אפגעטון סוכות ביים הייליגן חתם סופר.

ביי די סעודה ליל ראשון, האט דער חתם סופר געזאגט פאַרן סבא קדישא אז ער זאל שלאפן אין די סוכה, און מען האט אים צוגעגרייט א בעט. דער סבא קדישא האט דערציילט: **"איך האב נישט צוגעמאכט קיין אויג די גאנצע נאכט, נאָר איך האב מיך מתבונן געווען אין די עבודת הקודש פון מרנא ורבנא דער הייליגער חתם סופר"**. ער זאגט אז דער חתם סופר האט נישט צוגעמאכט קיין אויג אפילו פאר א מינוט! ער איז געשטאנען פארקאכט ווי א פלאם פייער און געגאנגען אהין און

צוריק אין די הייליגע סוכה.

ווען עס איז אנגעקומען די צייט צו שאקלען די ד' מינים, איז דער הייליגער חתם סופר צוגעגאנגען צו די מצוה מיט אזא ברען און מיט אזא שמחה גדולה, אז דער סבא קדישא זאגט אז מען קען עס אפילו נישט מסביר זיין מיט ווערטער.

### "ולקחתם לכם": דער חתם סופר אין די לופט...

מיר וועלן צולייגן א מורא'דיגע מעשה וואס דער **נאנאשער רב** זי"ע האט דערציילט פון זיין רבי'ן, דעם הייליגן **מהר"ם שיק** זי"ע, וואס ער אליינס האט געזען ביים חתם סופר.

עס איז געווען ביי נטילת לולב, און פלוצלינג האבן די קינדער פונעם חתם סופר געזען ווי זייער טאטע געפינט זיך הויך אין די לופט... שפעטער, נאכדעם וואס דער חתם סופר האט געענדיגט די נענועים, האבן זיי געפרעגט דעם טאטן: **"וואס איז דער פשט דערפון? פארוואס בשעת'ן נעמען די ד' מינים ביסטו געווען אין די לופט?"**

האט דער הייליגער חתם סופר געענטפערט: "וואס הייסט? עס איז דאך א פשוט'ער פסוק: 'ולקחתם לכם ביום הראשון'". דער חתם סופר האט געטייטשט **"ולקחתם לכם" - מען זאל זיך אליינס אויפהויבן און נעמען.**

**דעריבער איז דער חתם סופר געווען אין די לופט...**

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו גיין אין די וועגן פונעם הייליגן חתם סופר, וואס איז געווען א רבי נישט נאָר פאר זיין דור, נאר פאר אלע דורות עולם, סיי מיט זיין הרבצת התורה און הוראה, און סיי מיט'ן אוועקשטעלן די יסודות פון אידישקייט, וואס גאנץ כלל ישראל גייט לאורו, לערנט זיינע ספרים, און פאלגט נאך די יסודות וואס ער האט אוועקגעשטעלט.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, אמן.**

## מעין הידיעות

# די געוואלדיגע גרויסקייט און קדושה פון מצות סוכה

בסייעתא דשמיא, גייען מיר לערנען גאָר געוואלדיגע זאכן איבער די גרויסע סגולה פון די מצוה פון סוכה.

מיר זעען אפילו אז כמה הלכות ווערן נתחדש צוליב די גרויסע קדושה פון די סוכה. מיר וועלן קודם אנפאנגען מיט א שטיקל **זוהר הקדוש**, וואס דאס וועט דינען אלס א געוואלדיגער יסוד פאר אסאך זאכן וואס מיר וועלן דא אויסשמועסן, אז די מצוה פון סוכה איז אזוי גרויס, אז ס'איז דא געוויסע הלכות וואס טוישן זיך מחמת גודל קדושת הסוכה.

### דער יסוד פונעם זוהר הקדוש: סוכה איז "צלא דמהימנותא"

דאס ערשטע שטיקל זוהר הקדוש געפינט זיך אין פרשת אמור, אין 'רעיא מהימנא'. זאגט דער הייליגער זוהר הקדוש: **"פקודא דא"** - די מצוה, **"לישב בסוכה"** - צו זיצן אין די סוכה, **"ואוקימנא"** - מיר האבן שוין מבאר געווען, **"בגין לאתחזאה דישראל יתבי' ברזא דמהימנותא בלא דחילו כלל"**. אז אידישע קינדערלעך דארפן זיצן אין די סוכה, ווייל סוכה איז דער סוד פון 'אמונה', און ווען א מענטש האט אמונה האט ער נישט קיין שום פחד פון גארנישט.

**"דא מקטרגו אתפרש מיניה"**, ווייל דער מקטרג, עֵשָׂו, איז שוין לאנג אוועקגעגאנגען. ווי דער זוה"ק איז מבאר, אז יום הקדוש, דורך דעם וואס מ'האט געגעבן פאר עֵשָׂו דעם שְׂעִיר לעזאזל המדברה, האט עשו באקומען זיין שוחד - דער סטרא אחרא האט באקומען זיין שוחד - און ממילא האט ער אונז אפגעלאזט.

**"וכל מאן דאיהו ברזא דמהימנותא"** - ווער עס געפינט זיך אין דעם סוד פון אמונה - **"יתיב בסוכה"** - זיצט אין די סוכה.

עס שטייט דא אין זוה"ק אז **ווען מ'זיצט אין די סוכה איז מען זוכה צו אמונה, און דעמאלטס האט מען נישט קיין שום פחד פון קיין שום סטרא אחרא אדער חיצונים.**

זאגט ווייטער דער הייליגער זוה"ק: "**כמא דאוקימנא**" - אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "**דכתיב כל האזרח בישראל ישבו בסוכות**". דרש'נט דער זוה"ק: "**מאן דאיהו ברזא דמהימנותא**" - ווער עס איז זיך מדבק אין דעם סוד פון אמונה, "**ומזרעא ושרשא דישראל**" - און ער איז א אידיש קינד, "**ישבו בסוכות**", ער קען זיצן אין די סוכה. אבער אויב, להבדיל, עמיצער איז א גוי, טאר ער נישט זיין אין א סוכה. ענדיגט צו דער זוה"ק: "**ורזא דא אתמר בכמה דוכתי**" - דער סוד ווערט דערמאנט אין פילע פלעצער. דאס איז איין זוהר הקדוש.

דער הייליגער זוה"ק זאגט אביסל פריער (ק"ג ע"א): "**ועל דא כתיב כל האזרח בישראל ישבו בסוכות, כל מאן דאיהו משרשא וגיזעא קדישא דישראל**" - ווער עס שטאמט פון אידישע קינדער, "**ישבו בסוכות תחות צלא דמהימנותא**", ער קען זיצן אין דעם שאָטן פון אמונה אין 'עולם האצילות'. "**ומאן דליתא מגיזעא ושרשא קדישא דישראל**" - און ווער עס איז נישט קיין אידיש קינד, "**לא יתיב בהו**", ער קען נישט זיצן אין א סוכה. "**ויפוק גרמיה מתחות צלא דמהימנותא**", ער זאל ארויסגיין פון די סוכה, ער טאָר דארט נישט זיצן!

פון דא זעען מיר עטליכע געוואלדיגע יסודות: **מיר זעען אז די סוכה איז דער צל האמונה, און מ'דארף נישט האבן קיין שום פחד פון גארנישט. מיר זעען אויך אז א גוי טאר נישט זיצן אין די סוכה.**

## יעדן טאג א הייליגע גאַסט אין די סוכה - די אושפיזין קדישין

נאך א זאך שטייט אינעם זוה"ק דארטן (ק"ג ע"ב): "**תא חזי בשעתא דבר נש יתיב במדורא דא**" - קום זע, בשעת א מענטש זיצט אין די הייליגע סוכה, "**צלא דמהימנותא**" - אינעם שאָטן פון אמונה אין 'עולם האצילות', "**שכינתא פרסא גדפהא עלוי מלעילא**" - די שכינה שפרייט אויס אירע פליגלען איבער דעם מענטש. "**ואברהם וחמשא צדיקיא אחרינן**" - אברהם אבינו און די אנדערע פינף צדיקים, "**שווין מדורין עמיה**" - קומען צו יעדן אידיש קינד אין די סוכה. "**אמר רבי אבא**" - האט רבי אבא געזאגט: "**אברהם וחמשא צדיקיא**", אברהם אבינו קומט מיט די פינף צדיקים - יצחק, יעקב, משה, אהרן, און יוסף - אבער זאלסט וויסן, עס קומט אויך "**ודוד מלכא שוויין ומדוריון עמיה, הדא הוא דכתיב בסוכות תשבו שבעת ימים**".

דער הייליגער זוה"ק זאגט ווייטער, אז יעדן טאג דארף מען אינלאדענען זיין די אושפיזין און געבן צדקה איידער מ'איז זיי מזמין. דער זוה"ק ברענגט אראפ אז "**רב המנונא סבא**", ווען ער פלעגט אריינגיין אין די סוכה, "**הוה חדי**" - פלעגט ער זיך פרייען, "**וקאים על פתחא דסוכה מלגאו**" - ער פלעגט שטיין ביי דעם פתח פון די סוכה אינעווייניג.

ווי די מפרשי הזוהר, דער **רמ"ק** און אנדערע זאגן, מיינט דאס אז ער איז שוין געווען אינעווייניג אין די סוכה, אבער ער איז נאך נישט אריינגעגאנגען געהעריג זיצן ביי זיין טיש, נאָר ער איז געשטאנען ביים פתח און דארט האט ער מזמין געווען די אושפיזין. אזוי פלעגט ער טון יעדן טאג און זאגן "**נזמין לאושפיזין**" - לאמיר איינלאדענען די געסט! קומט אויס, אז **יעדן טאג האבן מיר א גאַסט**.

דאס איז א הקדמה כדי מיר זאלן פארשטיין די געוואלדיגע ידיעות נפלאות און די ענינים וואס עס זענען דא ביי א סוכה, וואו געוויסע הלכות טוישן זיך צוליב די קדושת הסוכה.

## די הלכה פון שלאפן יחידי אין סוכה

די **גמרא** זאגט אין מסכת שבת (קנא, ב), אז א מענטש זאל נישט שלאפן אין א הויז אליינס - "בבית יחידי". אין **שולחן ערוך** אין סימן רל"ט ברענגט עס די **משנה ברורה** אראפ (סק"ט), און אינעם **שער הציון** (סקי"ז) שמועסט ער אויס די היתרים אויף וואס די וועלט פארלאזט זיך. די וועלט איז זיך סומך דעם וואס עס וואוינען דארט נאך מענטשן, און אין דעם זענען דא כמה וכמה חילוקים:

עס זענען דא וואס זענען מקיל אויב עס וואוינען אנדערע מענטשן אינעם זעלבן בנין (למשל, אַן אפארטמענט בילדינג). עס זענען דא וואס זענען מקיל נאָר אויב עס זענען דא אנדערע מענטשן אין די זעלבע דירה, און אויך אין דעם איז דא א חילוק - טייל זאגן אז די טיר מוז זיין אָפן, און טייל זאגן אז די טיר מעג זיין פארמאכט כל זמן ס'איז נישט פארשלאסן.

אין **שולחן ערוך הרב** (הל' שמירת הגוף והנפש, קונטרס אחרון ס"ק ב') ברענגט ער א **ירושלמי** (שבת פ"ב ה"ו), אז די קפידה איז נאָר ווען עס איז טונקל, אבער אויב עס איז לעכטיג איז נישט דא קיין קפידה. דער **בוטשאטשער רב** ברענגט א **גמרא** אין ברכות (מג, ב), אז אויב עמיצער האט א פייער אדער לעכטיגקייט, ווערט דאס גערעכנט ווי צוויי מענטשן לגבי מזיקים. די זעלבע זאך איז דא אויך. דער **מהרש"ם** פון

**בערזשאן** אין 'דעת תורה' (סי' רל"ט) און אויך דער **כף החיים** ברענגען דאס אראפ, און דער **סטייפלער** פלעגט זיך פארלאזן אויף דעם. קומט אויס אז א גאנץ יאר, צו שלאפן אליינס, זענען דא כמה וכמה היתרים וואס מ'דארף ניצן.

אבער ווען עס קומט סוכות, שטייט אין ספר '**מעשה רב**' (אות רכ"א) אז דער הייליגער **ווילנער גאון** זי"ע האט געזאגט אז מ'מעג. וז"ל שם: "**שאלוהו**" - מ'האט געפרעגט דעם הייליגן ווילנער גאון, "**אם רשאי לישן יחידי בסוכה?**" - צי מען מעג שלאפן אליינס אין די סוכה? "**והשיב**" - האט ער געענטפערט: "**שומר מצוה לא ידע דבר רע**".

מען קען דא צולייגן, בפרט לויט ווי מיר האבן געזען אינעם זוה"ק, וואס זאגט אז די סוכה איז כביכול דער אייבערשטער אליין - "השכינה פורסת כנפיה". מיר האבן אויך געזען אז דער זוה"ק זאגט אז די סטרא אחרא אנטלויפט פון דארט. נאך א זאך האבן מיר געזען אינעם זוה"ק, אז די אושפיזין קומען אריין אין די סוכה. אויב דער פשט איז אז די אושפיזין קומען אין די סוכה, קומט אויס אז **מיר האבן דא א שמירה פון די הייליגע אבות הקדושים**.

מען קען דאס אויך צולייגן אלס פשט פארוואס דער ווילנער גאון האט געהאלטן אז מען מעג שלאפן אין סוכה אפילו אליין. הגם דער ווילנער גאון האט אנגעגעבן דעם טעם פון "שומר מצוה לא ידע דבר רע", אבער כידוע איז דאס געווען די דרך פון צדיקים צו זאגן איין טעם בגלוי, בשעת זיי האבן געהאט נאך כמה וכמה טעמים כמוסים בסתר.

## בויען א סוכה אויף א פלאץ פון א 'מרזב' און 'שופכין'

אין ספר '**שמירת הגוף והנפש**' (מהדו"ת, סי' רי"ט ס"ז) ברענגט ער אראפ א שאלה צי מען מעג זיצן אונטער א 'מרזב' - דאס הייסט א פלאץ וואו עס איז דא א 'צינור השופכין' וואו די וואסער קומט אראפ פונעם דאך. ער צייכנט צו די **גמרא** אין מסכת חולין (קה, ב), אז אביי האט געזאגט אז מען זאל דארט נישט זיצן צוליב מזיקין.

למעשה שטייט נישט אין די גמרא אז מען טאר דארט נישט 'בויען', אבער יש אומרים אז עס איז דא א '**צוואת רבי יהודה החסיד**' אז מען טאר נישט פארברייטערן א הויז אויף א פלאץ וואו עס איז געווען שופכין.

'למעשה', אין אונזערע דרוקן פון צוואת רבי יהודה החסיד טרעפט מען נישט אזא זאך. אבער מצד השני זענען געווען צדיקים וואס האבן יא מקפיד געווען דערויף. אין ספר 'אמרי פנחס' (שער ח') ווערט געברענגט אז **רבי ר' פנחס קאריצער** זי"ע האט מקפיד געווען דערויף. און אויך דער הייליגער **נעשכיזער** זי"ע האט מקפיד געווען, חוץ אויף געוויסע תנאים. אבער ווי מיר האבן שוין געשמועסט, געפינט זיך דאס נישט אין די צוואת רבי יהודה החסיד וואס מיר האבן. נאָר עס זענען געווען צדיקים וואס האבן געהאלטן אז עס עקזיסטירט יא אזא צוואה.

יעצט ווען עס קומט סוכות, איז דא א מורא'דיגע שטיקל פונעם מהרש"ם פון בערזשאן. דער מהרש"ם האט געשריבן הגהותביים סוף פון צוואת רבי יהודה החסיד, און אין אות י"ט ברענגט ער אראפ אז דער הייליגער '**שר שלום**' פון **בעלזא** זי"ע האט מסכים געווען צו די עצה פון דעם הייליגן **רבי מאיר'ל פרעמישלאנער** זי"ע, אז **מען זאל מאכן א סוכה אויפ'ן פלאץ וואו דער מרזב געפינט זיך, און דערנאך איז שוין נישט דא קיין שום פראבלעם דארט צו וואוינען אדער צו בויען**.

פארוואס?

**ווייל דער מקום הסוכה האט א מורא'דיגן כח.** - לויט ווי מיר האבן געזען אינעם זוה"ק איז דאס פארשטענדליך, ווייל די סוכה האט דעם כח צו פארטרייבן די סטרא אחרא און עס איז דארט דא א מורא'דיגע השראת השכינה, ממילא האבן מיר נישט וואס מורא צו האבן. פון דעם איז משמע אז **דאס העלפט נישט נאָר בשעת סוכות, נאָר אפילו אויף שפעטער אויך!**

למעשה איז דא אַן אינטערעסאנטע שאלה אין ספר שו"ת '**חיי הלוי**' (להגה"צ ר' יוחנן וואזנער שליט"א מדייני ק"ק סקווירא, ח"ב סי' פ"ז), וואו ער ברענגט אראפ אז דער מנהג אין סקווירא איז געווען אז מען האט קיינמאל נישט פארברייטערט א הויז - אפילו נישט אויף א פלאץ פון א מרזב - **נאָר אויב מען האט קודם דארט געמאכט א סוכה און דארט געוואוינט, אלס א סמך צו דעם וואס דער בערזשאנער רב האט נאך געברענגט פונעם הייליגן שר שלום פון בעלזא.**

זענען מיר דא נאך א זאך וואו די הלכה טוישט זיך צוליב די קדושה פון די סוכה.

נאך אַן אינטערעסאנטע זאך ברענגט ער דארט אראפ אין תשובת חיי הלוי, אז ווען מען איז געגאנגען בויען און מען האט אינזין געהאט אז מען גייט דארט זיצן סוכות, האט מען נישט געדארפטווארטן ביז יו"ט סוכות זאל קומען, נאָר **דער עצם מחשבה איז שוין געווען גענוג.**

בפשטות איז דאס דער מקור

פונעם זוה"ק, וואס זאגט אז ווען מען בויעט א הויז זאל מען אינזין האבן עס צו מאכן פאר א מקום מיוחד פאר תורה, תפילה, אדער א דבר מצוה. ממילא, אז מען האט אינזין געהאט דארט צו מאכן א סוכה, איז דאס שוין געווען גענוג.

## חתונה מאכן צווישן יום כיפור און סוכות און דער ענין פון 'פנים חדשות'

יעצט וועלן מיר רעדן פון א דריטע שאלה וואו מען זעט אז ביי סוכה טוישט זיך די הלכה, און מיר וועלן מקדים זיין א מעשה.

דער **ווישאווער רב** זי"ע איז אמאל געווען אין די שטאט 'אונגוואר' און ער איז דארט איינגעשטאנען ביי א איד א גרויסער תלמיד חכם, **ר' דוד צוויבל** זצ"ל, וואס איז געווען א תלמיד פונעם **ראדאמישלער רב** זי"ע. דער ווישאווער רב האט אים געבעטן ער זאל אים זאגן א געוויסן פסק הלכה, ווייל ער וויל זען די גדלות פון זיין רבי'ן, דער ראדאמישלער רב.

האט ער אים פארציילט אזוי: איין מאל האט מען געשיקט א שאלה פון די שטאט 'אוהעל' צום ראדאמישלער רב, צי מען מעג חתונה מאכן צווישן יום כיפור און סוכות. האט דער ראדאמישלער רב געענטפערט אז מען מעג, און ער האט געברענגט א ראיה פון א שטיקל פונעם הייליגן **קאזשניצער מגיד** זי"ע אין ספר 'עבודת ישראל'.

דער עבודת ישראל זאגט אזוי: מיר ווייסן אז לגבי שבת ווערט גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (אבה"ע סי' ס"ב ס"ח) אז ביי די ערשטע צוויי סעודות דארף מען נישט קיין פנים חדשות. פארוואס? ווייל יעדע סעודה פון שבת איז אליין פאררעכנט ווי פנים חדשות. ביי 'שלש סעודות' האלט דער מחבר אז מען דארף יא פנים חדשות, אבער דער רמ"א האלט אז "ועכשיו נוהגין במדינות אלו לברך שבע ברכות בסעודה שלישית". דער רמ"א זאגט דארט אז דאס איז אדער ווייל עס קומען צו נייע מענטשן, אדער ווייל מען זאגט א דרשה, און די דרשה איז אזוי ווי פנים חדשות.

דער קאזשניצער מגיד זאגט אבער אז שלש סעודות אליין קען מען רעכענען פאר פנים חדשות **ווייל ביי יעדע סעודה איז דא א געוואלדיגע עליה אין שבת.** ער זאגט על פי קבלה פונעם **אריז"ל** אז ביי סעודה שלישית גייט מען ארויף צו מדריגת 'כתר עליון', ממילא דארף מען נישט קיין פנים חדשות און מען קען זאגן שבע ברכות.

ענדיגט צו דער הייליגער קאזשניצער מגיד: **"לולא דמסתפינא, הייתי אומר על חג הסוכות כשארע לחתן בתוך שבעת ימי המשתה, מברך כל יום ויום שבע ברכות"**. אויב איינער האט חתונה געהאט פאר סוכות און מען מאכט די שבע ברכות אין סוכות, דארף מען נישט קיין פנים חדשות.

פארוואס?

ווייל עס זענען דא די הייליגע אושפיזין. **"משום דכל יומא קדושה באנפי נפשיה הוא, כי אושפיזא דיומא דא איננו אושפיזא דיומא אחרא, כנודע והבן"**. וויבאלד יעדן טאג קומט א נייע אושפיזא, ווערט עס פאררעכנט ווי פנים חדשות. עד כאן דבריו פונעם הייליגן קאזשניצער מגיד. און דער זעלבער גאַנג געפינען מיר אויך אין **'דרשות חתם סופר'** (סוכות דרוש כ"ג, שנת תצד"ק, דף נ"ג).

האט דער ראדאמישלער רב געמאכט א דיוק: אויב דער פשט איז אז דער קאזשניצער מגיד זאגט אז מען זאגט שבע ברכות אין סוכות אָן פנים חדשות, מוז זיין אז מען מעג חתונה מאכן צווישן יום כיפור און סוכות...

דער ווישאווער רב האט זיך אויפגעשטעלט פון זיין בענקל מיט גרויס התפעלות, ער האט אנגעהויבן צו קאכן און שפאצירן אין זיין צימער אהין און צוריק, און געזאגט אזוי: **"דעם שטיקל קאזשניצער מגיד קען איך אויך, אבער איך גלייב אז בשעת דער גאון האט געלערנט דעם שטיקל קאזשניצער מגיד, איז אים נישט בייגעפאלן דער דאזיגער דיוק, נאָר בשעת מען האט אים געשיקט די שאלה, האט ער געהאט סייעתא דשמיא פון הימל ער זאל צוטרעפן דעם דיוק פונעם קאזשניצער מגיד!"**

עכ"פ, מיר זעען פון דא צוויי הלכות: קודם כל, אז מען קען חתונה מאכן צווישן יום כיפור און סוכות. און דער הויפט פונקט וואס מיר זעען דא איז, אז די קדושת הסוכה מאכט די אושפיזין פאררעכנט צו ווערן אלס 'פנים חדשות'.

אגב וועלן מיר צוצייכענען, אז דאס מאכן חתונות צווישן יום כיפור און סוכות איז משמע אזוי פונעם **מגן אברהם**. דער מגן אברהם שרייבט אין סי' תקע"ג (סק"א), אז א חתן ביום חופתו דארף פאַסטן אפילו צווישן יום כיפור און סוכות. מיר ווייסן אז מען זאגט דעמאלטס נישט קיין תחנון, אדער צוליב דעם טעם וואס שטייט פונעם **שבלי הלקט** - ווייל דעמאלטס איז געווען די שמחה פון חנוכת בית המקדש.

אדער צוליב דעם טעם וואס שטייט אין **מהרי"ל** בשם א **מדרש**, אז דער "יום ראשון לחשבון עוונות" איז ערשט א' סוכות, און צווישן יום כיפור און סוכות רעכנט מען נישט די עבירות, ממילא

זאגט מען נישט קיין תחנון. און ווי דער ווילנער גאון לייגט צו, אז **די טעג זענען א המשך פון יום כיפור**. פונדעסטוועגן זאגט דער מגן אברהם אז פאסטן זאל מען יא פאַסטן. זעט מען אלזא פונעם מגן אברהם, אז **מען מעג חתונה האבן אין די טעג**.

### דער ׳סגולה׳ פון חתונה מאכן אין די טעג צווישן יום כיפור און סוכות

אין ספר **׳אמרי פנחס׳** (שער תורת האדם, אות נ"ה) זאגט ער אזוי: **"אמר לנו"** - רבי פנחס קאריצער האט אונז געזאגט **"שחתונה טובה להיות יותר בין יום כיפור לסוכות"**. די בעסטע זאך איז צו מאכן חתונה צווישן יום כיפור און סוכות. ער האט געזאגט, ווייל דעמאלטס איז על פי די זוהר הק׳ און אריז"ל דער סוד פון ׳פנים בפנים׳.

און ער ברענגט דארט אראפ א מעשה, אז עס איז געווען א איד וואס האט געדארפט א מורא׳דיגע ישועה מיט חתונה האבן און ער האט נעבעך נישט געהאט קיין קינדער. האט אים דער צדיק געזאגט ער זאל חתונה האבן צווישן יום כיפור און סוכות, און ב"ה דער זיווג האט עולה יפה געווען און זיי האבן געהאט א שטוב מיט קינדער.

עס איז כדאי צוצייכענען נאך א זאך, אז אין ספר **׳אוהל קדושים׳** (י"ב חשון) ברענגט ער אראפ אז דער הייליגער **שינאווער רב** זי"ע האט חתונה געמאכט זיין זון **רבי משה׳לע שינאווער** זי"ע צווישן יום כיפור און סוכות. דער מחבר שרייבט דארט א הערה, אז היות רבי משה׳לע איז געווען א שוואכער און א חלוש המזג, **האט דער שינאווער רב געוואלט מאכן די חתונה דוקא אין די טעג וואס רבי פנחס קאריצער האט געזאגט אז זיי זענען מורא׳דיג מסוגל.**

עכ"פ, האבן מיר דא געזען א חידוש נורא פון דער קאזשניצער מגיד, אז **סוכות דארף מען נישט קיין פנים חדשות**, דאס איז באזירט אויף וואס מיר האבן געזאגט אז די אושפיזין זענען אזוי ווי פנים חדשות.

מיר טרעפן שוין אין דער גמרא אין מסכת סוכה און אין שולחן ערוך, אז **א חתן מיט זיינע שושבינים זענען פטור פון זיצן אין די סוכה.** זעט מען דאך אז מען פלעגט חתונה האבן ארום סוכות.

### די שאלות און מנהגים ביי זאגן ׳שלום עליכם׳ שבת סוכות

נאך א נפקא מינה להלכה איז בנוגע זאגן ׳שלום עליכם׳ פרייטאג צונאכטס ווען יו"ט סוכות אדער חוה"מ געפאלט אום שבת קודש. צי מען זאגט בכלל שלום עליכם? און אויב יא, ווען זאגט מען עס? זאגט מען די אושפיזין פאר שלום עליכם, אדער שלום עליכם פאר די אושפיזין? די שאלה איז מצד "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם". בעזרת השם וועלן מיר זען מנהגים נפלאים פון די צדיקים וואס זענען געבויט אויף דעם אז די קדושה פון סוכה איז א גאָר אנדערע בחינה.

דער הייליגער **׳שם משמואל׳** זי"ע (שבת חוה"מ סוכות, תרע"ג) זאגט, אז שבת חוה"מ סוכות דארף מען נישט זאגן שלום עליכם. ער זאגט דארט צוויי טעמים.

דער ערשטער טעם: לאמיר פארשטיין, **וואס איז דער ביאור אז מען דארף מלאכים זאלן באגלייטן א מענטש יעדע פרייטאג צונאכטס אריין אין שטוב?**

זאגט דער שם משמואל, אז וויבאלד מיר באקומען א ׳נשמה יתירה׳ - און כידוע ווערט די נשמה יתירה נשלם ביים דאווענען - ווילן די מלאכים באגלייטן די נשמה יתירה וואס קומט פון די עולמות העליונים און זי איבערגעבן פאַרן מענטש.

שטעלט זיך די שאלה: **צו וואס דארף איך מלאכים?**

### קדושת הסוכה העכער פון די מלאכים

ענטפערט דער הייליגער שם משמואל, אז די נשמה יתירה קומט פון אזא הויכע פלאץ אז עס פעלט אויס מלאכים זאלן זי באגלייטן. די מלאכים ברענגען אראפ די נשמה יתירה פון עולם העליון און געבן זי איבער פאר די פריוואטע מלאכים פונעם מענטש. דאס פאסירט יעדע פרייטאג צונאכטס, און אויף דעם זאגט מען ׳שלום עליכם׳ און אויך ׳צאתכם לשלום׳, ווייל מען וויל דאנקען די מלאכים וואס האבן אראפגעברענגט די נשמה יתירה, און יעצט גייען די מלאכים צוריק צו זייער מקור.

זאגט דער הייליגער שם משמואל: דאס איז א גאנץ יאר פרייטאג צונאכטס, אבער סוכות - וויבאלד מיר זיצן ׳בצילא דמהימנותא׳ און ׳בצילא דשכינתא׳ ווי דער זוה"ק זאגט, און ווי דער פסוק זאגט אין שיר השירים (א, ד) "הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו" - איז דער מצב אנדערש. **רש"י** טייטשט אויפ׳ן פסוק (במדבר כג, כג) "כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל מַה פָּעַל קֵל", אז עס וועט קומען א צייט וואס אידישע קינדער וועלן לערנען תורה מיט׳ן אייבערשטן, און זיי וועלן זיין ׳לפנים ממחיצתם׳ פון די מלאכי השרת, ביז די מלאכים וועלן פרעגן די אידן "מַה פָּעַל קֵל?" - וואס האט דער רבונו של עולם געזאגט?

**דעם מצב וואס וועט זיין לעתיד לבוא, זוכה מען יעצט סוכות, ובפרט ׳שבת-סוכות׳. ממילא**

זענען מיר אין א העכערע בחינה פון די מלאכי השרת. מיר דארפן נישט צוקומען צו די מלאכים זאלן באגלייטן און אראפברענגען די נשמה יתירה, ווייל מיר זענען כביכול "הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו", מיר זענען ביים אייבערשטן אליין. און ווי דער זוה"ק זאגט, אז מיר געפינען זיך דעמאלטס אין 'עולם האצילות', דעריבער דארף מען נישט זאגן שלום עליכם.

## די מלאכים קענען בכלל נישט אריינקומען אין די סוכה...

ער זאגט נאך א טעם פארוואס מען דארף נישט זאגן שלום עליכם. ער ברענגט נאך פון זיין הייליגן טאַטן, דער **'אבני נזר'** זי"ע בשם **רבותיו** - און בעצם שטייט דאס שוין פונעם הייליגן **'בעל התניא'** זי"ע אין די בריוו וואס ער האט מקבל געווען פונעם **גרויסן מגיד** זי"ע - אז **דארט וואו עס איז דא א קיבוץ פון צען אידן** - ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין (לט, א) "כל בי עשרה שכינתא שריא" - **וואלט א מלאך פארברענט געווארן פון די גרויסע קדושה!**

דער בעל התניא זאגט, אז אפילו מען זאגט נישט קיין דברי תורה, האט **די עצם זאך אז צען אידן קומען זיך צוזאמען אזא קדושה, אז א מלאך און א שרף וואלטן דארט פארברענט געווארן!**

זאגט דער שם משמואל: על אחת כמה וכמה אז א מלאך קען נישט אריינקומען אין א סוכה. פארוואס? ווייל אין די סוכה איז דא ממש א השראת השכינה, ווי די גמרא זאגט "קדושת שם שמים חלה על הסוכה". נאך א זאך זאגט ער: די אושפיזין געפינען זיך דארט, און זיי זענען פיל העכער פון די מלאכים. ממילא, **דארפן מיר נישט צוקומען צו די מלאכים. נישט נאָר דאס, נאָר די מלאכים קענען בכלל נישט אריינקומען אין די סוכה...** דעריבער זאגט מען נישט קיין שלום עליכם.

ער ענדיגט אבער צו: **"ובזה תוכחה מגילה לכל איש היושב בסוכה לידע מה שלפניו"**. דער וואס זיצט אין די סוכה זאל וויסן אז ער געפינט זיך אויף אזא הויכע מדרגה אז ער דארף נישט זאגן קיין שלום עליכם, ווייל ער זיצט ממש פאר דער שכינה הקדושה און די אושפיזין געפינען זיך דארט. מען געפינט זיך אין א מצב פון לעתיד לבוא, וואס מען לערנט תורה מפיו של הקדוש ברוך הוא, ממילא איז דאס א בחינה פון 'דע לפני מי אתה עומד'.

דער הייליגער **'עטרת ישועה'** פון **דזשיקוב** זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אום שבת חוה"מ סוכות - אדער יו"ט שחל להיות בשבת - אזוי:

**"מיר ווייסן אז די אושפיזין זענען גרעסער פון מלאכים, ממילא ווען מיר קודם מקבל פנים זיין די אושפיזין און נאכדעם זאגן שלום עליכם!"**

פארשטייט זיך אז מיר האבן נישט קיין השגה צו מסביר זיין די טיפע פשטים אין די ווערטער פון צדיקים, אבער עס קען זיין ער האט עס געזאגט כדי צו מפייס זיין די מלאכים זיי זאלן נישט פילן 'געטשעפעט', ממילא ער האט דאס געזאגט פאר ער האט געזאגט די אושפיזין כדי זיי זאלן נישט ווערן נפגע. עכ"פ, דער מנהג פון דעם עטרת ישועה איז יא געווען צו זאגן שלום עליכם, נאָר ער האט געזאגט די אושפיזין פאר דעם.

אבער דער מנהג אין **בעלזא** ביי דעם **בעלזער רב** זי"ע איז געווען צו זאגן שלום עליכם פאר די אושפיזין, צוליב דעם כלל פון "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם".

## די מלאכי השרת געבן איבער זייער כח פאר די אושפיזין

די זעלבע זאך ווערט געברענגט אין ספר **'הליכות חיים'**, וואו עס ווערן אראפגעשריבן די הנהגות פון דעם בעל **'שפע חיים'** זי"ע אויף די ימים נוראים און סוכות. ער ברענגט דארט ביי יו"ט סוכות (הערה י"ז) א גאנצע רשימה פון עדות פון תלמידים אז ער פלעגט נישט זאגן קיין שלום עליכם. מען האט נאָר געזונגען 'אשת חיל', און דער ניגון פון אשת חיל איז געווען אויפ'ן ניגון פון שלום עליכם. ער האט געזאגט אשת חיל פאר די אושפיזין, ווייל אין **צאנז** האט מען נישט געזאגט קיין שלום עליכם ווען יו"ט איז געפאלן אום שבת.

אזוי אויך אין שו"ת **'דברי יציב'** (או"ח ח"א, ס"ס קכ"ג אות ו') איז ער מאריך אין א תשובה לכאן ולכאן צי מען זאל זאגן די אושפיזין פאר אדער נאך שלום עליכם. ער ענדיגט דארט צו אז ער קען נישט זאגן וואס דער מנהג צאנז איז, ווייל עס איז נישט נוגע, היות אין צאנז האט מען בכלל נישט געזאגט שלום עליכם - נישט יו"ט שחל בשבת, נישט שבת חוה"מ, און אפילו נישט אסרו חג וואס פאלט אויס אום שבת. ממילא איז די שאלה נאָר נוגע לויט די מנהגים פון אנדערע חצירות.

צום סוף תשובה (אות ו') זאגט ער, אז די וואס זאגן יא שלום עליכם יו"ט שחל להיות בשבת, וואלטן באמת געדארפט זאגן די אושפיזין פריער, ווייל **די מלאכי השרת געבן איבער זייער כח פאר די אושפיזין.** למעשה ענדיגט ער די תשובה אז ער האט געוויזן צדדים לכאן ולכאן, אבער ער זאגט אז עס איז נישט קיין נפקא מינה, **דער עיקר איז אז א מענטש זאל זיך פירן בקדושה ובטהרה, לערנען בהתמדה, און זוכה זיין צו גיין אין דעם וועג פון די**

אבות הקדושים.

## די הנהגה און דער טעם פון הייליגן סאטמאר רב זי"ע

אין ספר **'אוצרותיהם של צדיקים'** (ח"ה עמוד קנ"ה) ברענגט ער אן אינטערעסאנטן שמועס וואס איז פארגעקומען ביים הייליגן **סאטמאר רב** זי"ע. עס איז געווען שבת חוה"מ סוכות און עס איז נתעורר געווארן די שאלה צי מען זאל קודם זאגן שלום עליכם אדער קודם די אושפיזין. איינער דארט האט געטענה'ט אז אוודאי זאגט מען קודם "שלום עליכם" ווייל "תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם".

האט דער סאטמארער רב געענטפערט: **"וואס מיינסטו, אז די מלאכים וואס קומען פרייטאג צונאכטס זענען די זעלבע מלאכים יעדע וואך?"** ער האט אים מסביר געווען אז דאס איז א טעות, **ווייל יעדע וואך קומען מלאכים וואס ווערן באשאפן לויט ווי אזוי דער מענטש האט זיך געפירט יענע וואך**. דער יסוד שטייט שוין אין **'תפארת שלמה'** (פרשת לך לך, חיי שרה, ועוד), אז די מלאכי השרת וואס קומען פרייטאג צונאכטס זענען לויט די מצוות און מעשים טובים פון די גאנצע וואך, און זיי ווילן האבן אַן עליה שבת ווען אלע עולמות ווערן נתעלה.

למעשה איז דער מנהג פון סאטמארער רב געווען אז ער האט קודם געזאגט די אושפיזין און נאכדעם שלום עליכם. דעם טעם האט ער געזאגט ענליך צו דעם וואס מיר האבן געברענגט פונעם שם משמואל, און ער האט צוגעוויזן צו דער **גמרא** אין סנהדרין (צג, א) וואס זאגט, אז **"גדולים צדיקים יותר ממלאכי השרת"**, ממילא דארף מען קודם מקבל פנים זיין די צדיקים פאר די מלאכים.

עכ"פ. יעדער איינער זאל זיך פירן לויט זיין מסורה און מנהג אבותיו הקדושים.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין זיך צו מדבק זיין אין דער קדושה פון דער סוכה, ווערן א מרכבה צו דער שכינה הקדושה, און נדבק ווערן אין די אושפיזין.

# דער גליון אויף די "צווייטע טעג יו"ט" וועט אי"ה ערשיינען אין חול המועד

## בברכת א פרייליכן יו"ט!
## מערכת פרדס התורה

## = פרנסי חודש תשרי =

השיעורים על הטעלעפאון ליין
נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **חיים מנחם ראזינגער** הי"ו
**לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים**

הגליון באידיש נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **חיים צבי הירש** הי"ו
לע"נ אמו האה"ח **חנצי** ע"ה
בת יבלחט"א ר' **מרדכי** הי"ו
נלב"ע א' תשרי - ראש השנה
ת.נ.צ.ב.ה.

הגליון בלשה"ק נתנדב ע"י
הרה"ח ר' **שמעון דרוממער** הי"ו
**לזכות ברכה והצלחה בכל הענינים**

זכות לימוד התורה דרבים תגן בעדם להתברך בכל מילי דמיטב, וישלם ה' פעלם הטוב ותהי משכורתם שלימה מעם ה'